בס"ד

בלומינג גראוו
# שטימע
BLOOMING GROVE VOICE
די פאַראייניגטע 'שטימע' פון תושבי 'בלומינג גראָוו' והגלילות
פסח תשפ"ד
United Jewish Community of Blooming Grove Est. 2019

# בית המדרש הגדול והמפואר דקהל יטב לב ד'סאטמאר עפנט אירע טויערן דעם פארגאנגענעם דינסטאג, ביום שהוקם בו המשכן

## מוסדות התורה אין קרית יואל שיקן "אמיקוס בריעף" צום העכסטן אַפּעלאַט געריכט לטובת תושבי בלומינג גראוו

## ענדגילטיגע די. אי. סי. הירינג אַנבאַלאַנגט שכונת דברי חיים דעוועלאָפּמענט אָפּגעהאַלטן געוואָרן

## איש את רעהו יעזורו: ערשטמאָליגע דעוועלאָפּערס און קאָנסטרוקציע מיטינג געקרוינט מיט סוקסעס

## אַלע קינדער פון מוסדות קרית יואל רעגיסטרירט אינערהאַלב וואַשינגטאָנוויל סקול דיסטריקט

זייט 6

## וואונדערליכע מעגאָ פסח פּראָגראַם דורכגעפירט מיט אויסטערלישע ערפאָלג

בלומינג גראוו
# באריכט
נייעס אפדעיטס אינפארמאציע
BLOOMING GROVE REPORT
ניסן תשפ"ד | Apr '24
Village of South Blooming Grove

זייט 27 און ווייטער

# לְעֹשֵׂה אוֹרִים גְּדֹלִים – כִּי לְעוֹלָם חַסְדּוֹ

ערב חג הפסח זמן חרותינו

**ואת חג המצות יחוגו בדיצות!**

## יישר כח בלומינג גראָוו!! אשריכם!

שטייענדיג נאָך דעם גרויסאַרטיגן און ברייטהאַרציגן ערב יום טוב קאַמפּיין שנת תשפ"ד לפ"ק, פינו מלא שירה כים ולשונינו רינה כהמון גליו אויף דעם אומגלויבליכן סוקסעס וואָס איז בעז"ה באַוויזן געוואָרן העכער אַלע ערוואַרטונגען און פאַראויסשאַצונגען, ווי תושבי בלומינג גראוו האָבן באַוויזן מיט דעם כח האחדות, און מיט דעם כח פון חסד, מיט די שענסטע קאָלירן און פאַרבן.

**יאָ, מיר האָבן ב"ה דערגרייכט פולקאָם דעם ציל**

**די אַסטראָנאָמישע סומע פון**

# $204,000

**איז צוזאַמגעשטעלט געוואָרן פון "אידישע ווארימע הערצער", למען אחי ורעי! פון בלומינג גראוו פאר בלומינג גראוו!**

## טייערע תושבי העיר!

**עס איז באמת שווער זיך צוזאַמצוקלויבן, ארויסברענגען אביסל די געפילן און טרעפן די פאסיגע ווערטער אייך צו באדאנקען**

**אַשְׁרֵינוּ מַה טּוֹב חֶלְקֵנוּ וּמַה נָּעִים גּוֹרָלֵנוּ**

ובעזהשי"ת נילך מחיל אל חיל ווען יעדן יום טוב ווערן נתרבה און ניתוסף די ווארימע ברייטע סכומים מיט אזויפיל גוט הארציגקייט און געטריישאפט איינער פארן צווייטן. דאס איז אייגנטליך דער יסוד פאר די הערליכע הצלחה מרובה וסייעתא דשמיא למעלה מן המשוער וואס טוט שטענדיג באגלייטן אונזער הייליגע שטאט!

**וואויל איז אייער חלק טייערע אידן נדיבים בעם אונזערע שכינים און ברודער! איהר האָט מיט וואָס צו שטאָלצירן! אשריכם אשריכם!**

## אַ באַזונדערן דאַנק

**פאַר די געטרייע גבאי קודש וועלכע האָבן עוסק געווען מיט אזא איבערגעגעבנקייט צו שאַפן די תרומות הקודש אין די פארנומענע ערב פסח טעג.**

דער גרויסער און הייליגער קאַמפּיין האָט זיכער אַראָפּגעברענגט אלע גוטע השפעות פאר אונז אלע, און דער זכות עצום וועט אייך אוודאי ווייטער באשטיין צו האָבן אַ לעכטיגן יום טוב און א געבענטשטע שפע מיט כל טוב סלה, וימלא ה' משאלות לבינו לטובה.

ואנו תפילה לאל נורא עלילה

**טַל בּוֹ תְבָרֵךְ מָזוֹן. בְּמַשְׁמַנֵּינוּ אַל יְהִי רָזוֹן. אֲיֻמָּה אֲשֶׁר הִסַּעְתָּ כַּצֹּאן. אָנָּא תָּפֵק לָהּ רָצוֹן. בְּטַל**

והוא ישלח ברכה והצלחה בכל מעשה ידינו ושיתקדש שם שמים על ידינו עדי נזכה לביאת משיח צדקנו
ובשם ד' נעשה ונצליח!

אַ פרייליכן יו"ט, חג כשר ושמח ושמחת תמיד

ווי עס וואונטשן מעימקא דליבא בברכה המשולשת

**קופּת עירינו**

**אברהם משה הכהן ווייס, אברהם שלום בינער, יצחק פעלדמאן, יואל שטערן, יצחק עקשטיין, שמעי' שפיצער, יצחק בער רייכמאן, יעקב חיים כ"ץ**



# קופת עירינו

עזרה להוצאת יו"ט

# בלומינגראוו

• בפיקוח רבני העיר שליט"א •

בס"ד

מיט דעם טוען מיר מעלדן אז בעזהשי"ת וועט ווערן צוגעשטעלט די

# פַאטראָל סערוויס

## אויף חג הפסח הבעל"ט

**ערב פסח - ליל א' דיו"ט**
פון **7:00** אווענט ביז **3:00** פארטאגס

**ערשטע טאג יום טוב**
פון **12:00** מיטאג ביז **3:00** פארטאגס

**צווייטע טאג יום טוב**
פון **12:00** מיטאג ביז **4:00** נאכמיטאג

**ערב שבת חוה"מ**
פון **7:00** אווענט ביז **1:00** בייננאכט

**שבת חוה"מ פסח**
פון **12:00** מיטאג ביז **3:30** נאכמיטאג

**ערב שביעי של פסח**
פון **7:00** אווענט ביז **1:00** בייננאכט

**שביעי של פסח,**
פון **12:00** מיטאג ביז **1:00** בייננאכט

**אחרון של פסח,**
פון **12:00** מיטאג ביז **3:30** נאכמיטאג

על פי הוראת רבני העיר וועט דער סערוויס ארבעטן ווי פאלגנד:

עס וועט זיין קארס אויף די פאלגנדע אדרעסן
ווי מען קען קומען און רופן דעם פאטראל

קעפיטאל הילל: ווירזשיניע קארנער ראונאוק
לעיק שאור: ראבין לעין קאר. לעיק שאור
ווארלי הייטס: דאללאס קארנער פיין הילל

להסיר מכשול:

**פרעגט אן אייער מורה הוראה איידער איר באנוצט זיך מיט דעם סערוויס בכדי צו פארמיידן שאלות בהלכה וואס קען זיך גרעניצן מיט איסורים דאורייתא**

בברכת חג כשר ושמח
**OFFICE OF EMERGENCY MANAGEMENT**

EMERGENCY MANAGEMENT DIVISION

In association with

VILLAGE OF SOUTH BLOOMING GROVE

**OFFICE OF EMERGENCY MANAGEMENT**

**Village of South Blooming Grove**

29 Merriewold Lane South
Blooming Grove, NY 10950

# אַ פרייליכן לעכטיגן יום טוב! טייערע שכינים, חברים וידידים, אנשי שלומינו תושבי בלומינג גראָוו, כל אחד בשמו הטוב יבורך.

אָט שטייען מיר ב"ה נאָכאַמאָל אין די ערבי פסחים, ווען ס'ווערט אָפּגעצייכנט **דאָס פערטע יאָר** וואָס מיר האָבן די געלעגנהייט און די פריווילעגע, ווידעראַמאָל אייך צו ברענגען די הערליכע און ליכטיגע גריסן, מהנעשה והנשמע בתוככי עירינו, ההולך וגדול, ההולך ונבנית, שענער, גרעסער און בעסער, אויף אַ שטוינענדן פאַרנעם ווי קיינמאָל בעפאָר, לא יאומן כי יסופר!

## זה היום עשה ה' נגילה ונשמחה בו!

מיר שטייען אַצינד נאָך אַ סוקסעספולע יאָרן מיט אַזויפיל פּראָדאָקטיווע אינציאַטיוון, מיט אַזויפיל אָנגייענדע פּראָיעקטן, און מיט אַזויפיל פאָרשריט אויף יעדן געביט ברוחניות ובגשמיות, אַז מ'ווייסט פשוט נישט וואו אָנצוהויבן!

עס רייסט זיך דאָך אַרויס אַ האַרציגע שבח והודאה פאר השי"ת ווען מ'קוקט זיך צו וויאַזוי די שטאָט וואַקסט מיט אַזאַ כמות און אַזאַ איכות. איבעראָל וואו מען פאָרט אַרום זעט מען שוין בחוש די גאַלאָפּירנדע הרחבת גבולי הקדושה וואָס איז פורץ גבולים אין אַלע ריכטונגען, אויף אַלע פראָנטן. **עד הנה עזרונו רחמיך ואל תטשינו ה' אלקינו לנצח.**

ווי שיין און ווי באַ'טעמ'ט איז די השראת השכינה וואָס שפירט זיך אויף יעדן טריט און שריט אין אונזער הייליגע שטאָט, וואָס קומט געוויס אַדאַנק דעם פאַראייניגטן גייסט אהבה אחוה ורעות, ווען יעדע קהלה, יעדע מוסד און יעדע אָרגאַניזאַציע, ווערט אַזוי שיין סערווירט און באַדינט מיט'ן גרעסטן תשואת חן ודרך כבוד, דורך די געטרייע שליחי הציבור אינערהאַלב אַלע דעפּאַרטמענטס דעם ווילעדזש ווירטשאַפט.

והיינו דאהני לי' אַז אונזער באַליבטע שטאט ווירבלט ב"ה מיט אַזאַ התחדשות, וואו מען שטייט און וואו מען גייט איז קענטיג די טראַקטאָרן און די בוי מאַשינען וועלכע האַמערן און בויען. אין יעדן ווינקל קומט אַרויף נאָך אַ בית המדרש, נאָך אַ מקוה, נאָך אידישע דירות, נאָך היימישע ביזנעסער, וואָס ווען מ'טראַכט צוריק פון וואו מיר קומען, קען מען זיך נישט גלייבן די געוואַלדיגע חסדים וואָס השי"ת האָט געטון מיט אונז בלויז אין די געציילטע פאַרלאָפענע יאָרן.

**לפיכך אנחנו חייבים להודות ולהלל למי שעשה לאבותינו ולנו את כל הנסים האלו!**

איר, טייערע איינוואוינער, זענט דאך די בעסטע עדות, וויפיל "מתחיל בגנות" מען איז דאָ אַריבער פון אַלע אַספּעקטן, אין וויפיל שטרויכלונגען און שוועריגקייטן מען האָט זיך אָנגעשטויסן. אָבער אַצינד שטייט מען שוין ביי דעם "ומסיים בשבח", מיט אַזאַ הערליכע סייעתא דשמיא און הצלחה משמי מעל, וואָס באַגלייט און טראָגט ווייטער אונזער בליענדע געגנט, עד כי גדול מאוד.

ס'איז דאך באמת אומגלויבליך אַז מיט קאַרגע 6-7 יאָר צוריק האָט בלומינג גראָוו נישט פאַרמאָגט אפילו אַ קליינע פּראָצענט פון די היימישע פּאָפּולאַציע און וואוקס וואָס שפּילט זיך אָפּ אַצינד. פאר אונזערע אויגן זעט מען ממש בחוש דאָס וואָס מיר זאָגן אין דער הגדה: "**ורב כמה שנאמר**"! ורוח הקודש אומרת כן ירבה וכן יפרוץ!

## ואת יהודה שלח לפניו!

פון די שענסטע אייגנשאַפטן פון אונזער געגנט איז וויאַזוי די שטאָט ווערט ב"ה געפירט מיט אַזאַ חסיד'ישן, אידישן און רעכט כאניאקישן חן, באַגלייט מיט דעם אחריות'דיגן, רוחניות'דיגע און רבני'שע כח התורה, דורך די חשוב'ע רבנים און מורי הוראה וואָס 'על פיהם יבואו ועל פיהם יצאו', יעדע דבר גדול ודבר קטן ווערט געטון מיט זייער גוטהייטסונג, צו פאַרזיכערן את הדרך אשר נלך בה ואת המעשה אשר נעשה, כראוי וכיאות פאר אַ שטאָט וואָס שפּאַנט על דרך הסלולה לנו מאת רבינו הק' זי"ע.

זאל טאַקע דערמאַנט ווערן לשבח אַז אַצינד ערבי פסחים שנת תשפ"ד, ווערט אָפּגעצייכנט דעם צווייטן יאָר זינט דאָס התייסדות פון דעם עירוב המהודר "**עירוב רבינו יואל**", וואָס איז צושטאַנד געקומען און פינאַנצירט געוואָרן מהחל ועד כלה, דורך תושבי בלומינג גראָוו, אונטער די שטרענגע הדרכה פון די חשוב'ע רבנים ומורי הוראה שליט"א וועלכע באַגלייטן דאָס עד היום צו פאַרזיכערן דעם כשרות העירוב למהדרין מן המהדרין.

דאָס איז אין צוגאָב צו די פילצאָליגע אַנדערע פּראָיעקטן און צרכי הציבור וואָס פונקציאָנירט אונטער די הדרכה פון דעם כח התורה מיט אַ באַגריסנדע צוזאַמאַרבעט פון די רבנים ודיינים פון אַלע קהלות הק', מיט'ן פולסטן אחריות פאַר'ן תכלית הנרצה להגדיל תורה וטהרה ולהאדירה.

## ובני ישראל פרו וישרצו וירבו ויעצמו במאוד מאוד!

עס פאָדערט זיך בלויז צו כאַפּן אַ בליק אויף דעם 'ברוכים הבאים' אָפּטיילונג, וואָס ערשיינט צווישן די בלעטער פון דעם דאָזיגן אויסגאַבע, און דאָס האַרץ וואַקסט פון פרייד זעהנדיג באַשיינפערליך די הערליכע וואוקס פון פרישע תושבים בליעה"ר, כולם אהובים וברורים, איידעלע חשוב'ע קינדער געבענטשטע פאַמיליעס וועלכע ציען זיך ב"ה אַריין צו זיין אַ חלק פון אונזער באַליבטע געגנט. **ואמרת בלבבך מי יולד לי את אלה!** נאָכ'ן אַריבערגיין אַזויפיל חבלי לידה איז דאך אַזוי לעכטיג און פריידיג צו מיטהאַלטן די הרחבת גבולי הקדושה פון פרישע אידישע משפחות אויף אַלע זייטן, כה יתן ה' וכה יוסיף.

גלייכצייטיג איז ב"ה קענטיג די אויפוואַכונג ביים ציבור, צו פאַרזיכערן אַז אונזער געגנט פאַרבלייבט טאַקע הייליג און ריין. והי' מחנינו קדוש.

מ'זעט אַז אידישע קינדער, אינוועסטירער, אייגנטומער און מעקלער צוגלייך, פאַרשטייען אַלע דעם חיוב אָנצוהאַלטן די חומת הקדושה און פאַרדינגען דירות נאר לויט ווי ס'איז אויסגעהאַלטן עפ"י דרך התורה, כדי אַז די שטאָט זאל טאַקע פאַרבלייבן מיט איר אָריגינעלן חן און קדושה, ווי די רבנים שליט"א טוען דאָס שטענדיג מעורר זיין, נישט חלילה צו מטמא זיין דעם אידישן הייליגן אַטמאָספערע פון

אונזערע גאַסן. **והי׳ מחנינו קדוש.**

• • •

# מה טובו אהליך יעקב!

רעדנדיג איבער די פריידיגע ׳הרחבת גבולי הקדושה׳ איז דאך דאָס קענטיג פאר אַלעמען אַז בלויז אין די לעצטע צוועלף חדשים זענען די גאַסן פון בלומינג גראוו ב״ה נשתנה צורה געוואָרן! **עס בויען זיך פון אַלע זייטן ריזיגע צענטערן פון תורה און תפלה אויף אַ היסטאָרישן פאַרנעם ווי קיינמאָל בעפאָר!** ריזיגע סטרוקטורן פון בתי מדרשים, בתי חינוך לבנים ולבנות, ישיבות קדושות, א.א.וו.

בלויז אין דעם קיילעכיגן יאָר, פון פאַראַיאָר פסח ביז׳ן יעצטיגן מאָמענט, זענען דאָ געפּראַוועט געוואָרן אַזויפיל הערליכע מעמדים פון הנחת אבן הפנה און חנוכת הבית פאר ריזיגע אונטערנעמונגען פון מאַסיווע פּרעכטיגע צענטערן, בנינים אדירים לתורה ולעבודה, וואָס האָט נישט זיינס גלייכן אין קיין שום אַנדערע אידישע ישוב איבער גרעיטער ניו יאָרק!

דאָס רעכנט אַריין די הערליכע איבערבוי פון דעם גענצליכן רענאָווירטן און אויסגעברייטערטן בית המדרש ומקוה המפואר ׳**בית שמואל דקהל יטב לב ד׳סאַטמאַר**׳; די חנוכת הבית פון דעם שפּאָגל – נייעם בית המדרש המפואר ׳**בית יעקב דקהל יטב לב ד׳סאַטמאַר**׳; די חנוכת הבית פון דעם בית המדרש האדיר ׳**בנין יאַקאָבאָוויטש דקהל יטב לב ד׳סאַטמאַר**׳; די הנחת אבן הפנה פון בית המדרש **פאזנע** און בית המדרש **קאָריץ**, בנוסף צו די אויפבוי פון מקוואות מפוארים לטהרינו ולקדשינו!

און אַלעם מיט דער הילף פון די סימפּאַטישע ווילעדזש ווירטשאַפט וואָס שטייט ב״ה צו דער רעכטער האַנט פאר יעדע קהלה און יעדע ביהמ״ד מיט אַזאַ אידישע געטריישאַפט עד להפליא.

דאָס איז אין צוגאָב צו **די פילע מוסדות התורה, ת״ת און בתי חינוך לבנות**, וועלכע האָבן בלויז אין דעם פאַרלאָפענעם יאָר זיך איינקוואַרטירט און ב״ה אויסגעברייטערט די ספסלי הקדושה פון דעם ווילעדזש במדה גדושה. צווישן זיי די ישיבה ׳**תורת צבי ד׳ספינקא**׳ מיט אירע אַריבער הונדערט און צוואנציג בחורי חמד עמלי התורה בליעה״ר; דער בית חינוך לבנות ׳**בנות ישראל**׳ וואָס האָט אַצינד אָנגעהויבן די אויפבוי פון אַ מייעסטעטישן בנין לשם ולתהלה וואו אידישע טעכטער וועלן נתחנך ווערן על דרך ישראל סבא; די יונגערע קלאַסן פון דער ת״ת ובית חינוך לבנות פון **מוסדות וויזניץ** וואָס איז ב״ה מוסיף והולך, און ווי קען מען פאַרגעסן פון דעם הערליכן מעמד חנוכת הבית דעם פאַרלאָפענעם ל״ג בעומר, ווען ס׳איז נתחנך געוואָרן דער בנין פון ת״ת **ויואל משה דרב״י מסאַטמאַר**, וואו עס הילכט אָפּ דער קול תורה ותפלה פון די אַריבער 600 צאן קדשים בליעה״ר יעדן איינציגן טאָג.

**וחבה יתירה נודעת לו שנקראת על שמו.** אַ דערפרישנדע פאַקטאָר וואָס טוט אָפּשפּיגלען די געוואַלדיגע הצלחה און סייעתא דשמיא פון דעם מקום קדוש, איז דער מציאות וואָס מ׳זעט ב״ה אַז בלומינג גראָוו איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אַלס דער געשפּרעך פון אידן אומעטום, ווען אַלע דרוקן אויס דעם ׳עלי יניח צדיק את ראשי׳, יעדער וויל האָבן אַ שייכות מיט דער פּאָזיטיווער וואוקס און יעדער זוכט צו האָבן אַ טייל אין דער הערליכער אויפבליה פון דער באַ׳חנ׳טער אידישער געגנט, מיט אַזאַ הערצה און חביבות, כה יתן ה׳ וכה יוסיף.

• • •

# ונבנתה עיר על תילה!

קוקנדיג מיט אן אָביעקטיוון בליק, איז דאך אומבאַגרייפליך וויפיל פרישע דירות עס ווערן שוין אַצינד אויפגעבויט צווישן די ווילעדזש גריסן, און וויפיל נאָך מער דירות זענען שוין ב״ה אַפּראָווד געוואָרן און וואַרטן צו ווערן אויפגעבויעט ווערן גאָר בקרוב אין דעם נאָענטן צוקונפט, וואָס ברענגט אַ קיימא לן פון פרישע הונדערטער טויזנטער סקווער פיס פון רחבות׳דיגע דירות וואו אידישע קינדער וועלן אי״ה געניסן פון אַ הרחבת הדעת, פאַרקערט ווי דער ׳ישיבת כרכים קשה׳, צו קענען בעז״ה מגדל זיין די קינדערלעך מיט אַ מנוחת הנפש על מי מנוחות.

צו דער זעלבער צייט האַלט דער ציבור מיט וויאַזוי מען איז שוין ב״ה אַקטיוו אין דעם פּראָצעדור פון עטליכע גרעסערע דירות פּראָיעקטן, אַ שטייגער ווי דער ׳**שכונת דברי חיים**׳, דער **שכונת פּראָספּעקט גאַרדנס**, און דער **שכונת יאַקאָבאָוויטש** נעבן די קעפּיטל הילל געגנט, וואָס וועלן בעז״ה אַלע אינאיינעם אַהערשטעלן פרישע טויזנטער! דירות פאר אחינו בני ישראל, צו העלפן לינדערן דעם אַזוי באַקאַנטן ׳דירות קריזיס׳ וואָס פּלאָגט אידישע קינדער איבער גרעיטער ניו יאָרק. כן יזכינו ה׳ אלקינו אַז דאָס זאָל טאַקע קענען ערמעגליכט ווערן גאָר בקרוב, אָן קיין אָפּהאַלט בעז״ה!

• • •

**ואם אין קמח אין תורה:** אויך אויפ׳ן פראָנט פון דער היימישער עקאָנאָמיע שטייגט ב״ה בלומינג גראָוו אויף אַלע זייטן, ווען דער קאָנצעפּט פון ״מעיד אין בלומינג גראָוו״, איז אָנגענומען געוואָרן אַלס אַן אינטעגראַלער טייל פון אונזער שטאט, וואו מ׳זעט אַז שכינים וידידים שטיצן זיך אַזוי שיין איינער דעם אַנדערן דורך געניסן פון די סערוויסעס און פּראָדוקטן פון תושבי העיר, ווייל אַז ס׳איז דאָ פּלאַץ אין הארץ דאַן פּאַסירט אויטאָמאַטיש דער ״לכו והתפרנסו זה מזה״!

דורכאויס די פאַרלאָפענע חדשים האָט מען ב״ה אָפּגעצייכנט אַ היסטאָרישן ווענדפּונקט בקורות דברי ימי העיר, ווען ס׳איז אויפגעבויעט געוואָרן די ערשטע קאָמערציאַלע **ביזנעס צענטער**, אַהערגעשטעלט מיט אַזאַ פּראַכט און איידלקייט - וואָס אַנטהאַלט אויך די **צווייטע גראַנדיעזע סופּערמאַרקעט** פאר תושבי העיר. מען האָט דאָס אפילו געהערט פון דרויסנדיגע ערוועלטע באַאַמטע וועלכע זענען באַזוכן דעם בנין און האָבן אויסגעדרוקט זייער התפּעלות ווי קלאַסיש און עלעגאַנט דער ביזנעס צענטער איז אויפגעבויעט געוואָרן, מיט אַ אידישן טעם און חן.

די פרישע ביזנעס צענטער אויסברייטערונג איז באַזונדער אַ געוואַלדיגע הילף צו אויפהייבן די עקאָנאָמישע שטאַנד פון דער שטאָט און אַריינברענגען מער ביזנעס שטייערן וואָס ערמעגליכט צו האַלטן אַ סטאַביליזירטע ווילעדזש בודזשעט, צו אַלעמענס צופרידנהייט.

צו דער זעלבער צייט קוקט מען שוין אויף פאָראויס, ווען דער צוקונפטיגער ׳**איילענד טיים סופּערמאַרקעט**׳ האָט שוין ערהאַלטן די נויטיגע ׳סייט פלען׳ אפּראוועלס מיט אַקטיווע פּלענער אָנצוהויבן די בוי אַרבעט אין דער נאָענטער צוקונפט. אַזוי אויך ווערט בעז״ה ערעפנט די ערשטע ׳**מצה בעקעריי**׳ דאָ אין שטאָט, צוערשט אויף ערב פסח פון היי יאָר, און דאַן וועט דאָס פאָרזעצן אויף אַ פאַרגרעסערטן פאַרנעם אויך אויפ׳ן גאַנצן יאָר, צו אַהערשטעלן מצות מצווה

פאר אידן, און אַלס אַ פּאַסיגע 'מקור פרנסה' פאר פילע אידן.

די ווילעדזש אָפיסעם ווירבלען ב"ה מיט פילע אַנדערע ביזנעס פּלענער אויף פאַרשידענע ריכטונגען, וואָס וועלן אַלע פאָרמירן צוזאַמען אַ קאָרעקטע און שטאַנדהאַפטיגע עקאָנאָמיע פון אַלע זייטן. ימין ושמאל תפרוצו.

• • •

## "על שלשה דברים 'בלומינג גראָוו' עומד, על התורה על העבודה ועל גמילת חסדים".

אויב איז 'בלומינג גראָוו' אַזוי וועלט באַרימט מיט איר שם טוב העולה על גביהם אַנבאַלאַנגט אַלע ג' עמודי העולם, פאַרדינט אָבער אַ באַזונדערע קאַפּיטל די אויסטערלישע 'מדת החסד' וואָס איז די קרוין פון אונזער שטאט, מיט אַזאַ פאַרנעם פון צדקה פאר יעדן סאָרט צוועק, פאר יעדן מוסד הק' און פאר יעדע גמילת חסדים אָרגאַניזאַציע, וואָס ערוועקט שטוינונג און התפּעלות ביי אַלעמען.

און ווי קען מען אפילו אָנרירן אפס קצהו פון דעם פּרעכטיגן קידוש ה' וואָס איז שוין ווי אַ נאַטירליכע רוטין אַז יעדן חודש ניסן און חודש תשרי ווערט דורכגעפירט מיט די מאַקסימום הצלחה דער גראַנדיעזער "**קופּת עירינו**" קאַמפּיין, אָנגעפירט און באַגלייט דורך די טייערע עסקני העיר, עוסקים בגמילת חסדים באמונה.

אַריינגייענדיג אין דעם יום טוב פּסח דאָס יאָר תשפ"ד, האָט 'קופּת עירינו' ווירקליך געשאַפן אַ פרישן רעקאָרד, ווען ס'איז ב"ה צאַמגעשטעלט און פאַרטיילט געוואָרן **אַריבער "צוויי הונדערט טויזנט דאָלער"**, אַ סכום עצום וואָס איז צאַמגעקליבן געוואָרן מיט אַ ברודערליכע אחדות בלויז "פון" אונזערע שכינים, "פאר" אונזערע שכינים!

ווייל אין 'בלומינג גראָוו' שיינט די הייליגע מדת הצדקה וחסד וואָס רבינו הק' זי"ע האָט אין אונז איינגעבאַקן, אַזוי אַז ס'איז ווי נאטורליך אַז ווען אַ איד דאַרף פינאַנציעלע אָדער טעכנישע הילף, לייגט מען צו אַ פּלייצע, מען העלפט זיך אַרויס, מען שטאַרקט זיך שבת אחים גם יחד.

און אָט דאָס, טייערע אידן, איז טאַקע די רעצעפּט, דער סוד, און די וואונדערליכע הצלחה פון אונזער באַליבטע שטאט! ס'איז אַ יונגע שטאָט וואו עס ווערט אָרגאַניזירט נאָך אַ קאַמפּיין און נאָך אַ מגבית, נאָך אַ בית המדרש און נאָך אַ מקוה. ס'איז אַ נייע געגנט וואו די איינוואוינער, ישראל קדושים נתבעים ונותנים, טרייבן אויף הונדערטער טויזנטער דאָלאַרן פאר צדקה וחסד און פאר הרחבת גבולי הקדושה, איינמאָל און נאָכאַמאָל, ס'איז אַ מקום וואו אידן העלפן זיך מיט אַזויפיל גוטהאַרציגקייט און ברידערליכקייט, און דאָס איז די סיבה פאַרוואָס מען זעט ב"ה אַזא השראת השכינה און סייעתא דשמיא אויף יעדן טריט און שריט!!

אודאי זענען מיר פאַרזיכערט, סמוך ובטוח, אויף די באַקאַנטע הייליגע הבטחה פון רבינו הק' זי"ע אַז ווען אידן העלפן זיך אַרויס איינער דעם אַנדערן, דאַן דאַרף מען מאַכן "אייגענע עשירים". עס זאָל זיין אַ שפע צווישן אידן אחים לדעה, מיט השפּעות וועלכע זאָלן זיך גיסן אין בלומינגראַוו, היימישע נגידים בעם, בברכת קדשו פון אונזער הייליגן רבי'ן זי"ע.

• • •

## להגיד שאיני כפוי טובה!

אָפּצייכענענדיג נאָך אַ יאָר פון געבענטשטע פּעולות לטובה דאַרף מען געוויס אַרויסברענגען דעם 'שבח דא שירותא", צו באַדאַנקן די אַלע טייערע עסקנים תושבי העיר, פון אַלע געגנטער, אַלע קהלות און אַלע בתי מדרשים, וועלכע זענען אַלעמאָל גרייט צו העלפן און עוסק זיין פאַר'ן יחיד און פאַר'ן ציבור מיט אַזאַ געפיל און ווארימקייט.

אדרבא, ווען איר זעט אן עסקן וואָס איר ווייסט אַז ער גיט זיך אַוועק פאר אַנדערע אידן, זאָגט אים אַ 'יישר כח'! גיט אים אָפּ אַ דאַנק פאַר'ן אויפהייבן און אָנהאַלטן די שיינקייט פון אונזער שטאט. בלומינג גראָוו איז ווירקליך געבויעט געוואָרן מיט'ן כח היחיד, ווייל יעדער איינוואוינער האָט געזאָגט: "איך בין דער עסקן, מ'דאַרף נישט וואַרטן אַז יענער זאל טון", און אָט אַזוי איז ב"ה צושטאַנד געקומען די אַלע נאָבעלע פּראָיעקטן, ועוד היד נטוי' להרבות פּעלים, מוסיפים והולכים בקודש!

איבערהויפּט איז אַ דבר בעתו צו דערמאַנען די וואַרימע און געטרייע עוסקי בצרכי ציבור באמונה, די טייערע אינגעלייט וואָס ערפילן די פּאָזיציעס אויפ'ן **ווילעדזש באָורד, פּלענינג באָורד, די זאָונינג באָורד**, **און יו. זשעי. סי באורד**, וועלכע געבן זיך איינפאַך אַוועק אַזויפיל פון זייער צייט און כח, פשוט צו העלפן אַנדערע אידן. יום ולילה לא ישבותו, לאַנגע שעות בייטאָג און ביינאַכט, זומער און ווינטער, אָן קיין אָפּשטעל. ווען אָפּטמאָל זענען זיי די וואָס כאַפּן אַריין די פיינטליכע חיצים ובליסטראות פון די אַרומיגע פן ירבה עלעמענטן.

מיר דאַרפן די אידן מכיר טובה זיין עד אין לשער, און ס'איז זיכער אַז זיי וועלן געבענטשט ווערן מיט די ברכה וואָס מיר זאָגן יעדן שב"ק: "וכל העוסקים בצרכי ציבור באמונה, הקב"ה ישלם שכרם, וישלח ברכה והצלחה בכל מעשי ידיהם".

• • •

אריינטרעטנדיג אין דעם פרייליכן יום טוב פּסח הבא לקראתינו לשלום, הייבט זיך אויף די הענט צום הימל מיט א געבעט צו השי"ת, דער 'אין עוד מלבדו', וואָס האָט אונז געהאלפן און באגלייט ביז יעצט מיט אזויפיל סייעתא דשמיא, אַז 'בשם ה' נעשה ונצליח', ער זאָל אונז ווייטער געבן די כח און מעגליכקייט, צו לעבן רואיג אין דעם הייליגן עיר מושב וואו אידישע קינדערלעך זאָלן קענען וואוינען און מגדל זיין ליכטיגע אידישע שטיבער מיט אַ ישוב הדעת ומנוחת הנפש, ביז משיח'ס טאָג במהרה.

ניסן נגאלו ובניסן עתידין להגאל, זאלן מיר שוין בקרוב זוכה זיין צו דער גרויסער ישועה, ווען ס'וועט זיין "עתידין בתי כנסיות ובתי מדרשות שיקבעו בארץ ישראל", ווען ס'איז דאך נישט קיין צווייפל, אז אונזער גאנצער הייליגער שטאט בלומינג גראוו, מיט אירע הערליכע בתי מדרשים, מקוואות, ישיבות, מוסדות התורה, און אירע הייליגע אידישע שטובער, אַלטע און נייע צוגלייך, וועלן אַלע פארמאגן אַ פּראָמינענטן אָרט אין דער ירושלים הבנויה בקרוב אין אונזערע טעג. בקרוב נהל נטעי כנה פדויים לציון ברנה!

**אַ כשר'ן פריילּיכן פּסח**

**וואונטשן אייערע פריינד און אייערע שליחי ציבור**

# אונזער/אייער באריכט איז גרייט פאר אייך!

חשוב'ע בלומינג גראוו איינוואוינער,

צוליב די פילע פארלאנגען פונעם ציבור, און טראץ וואס מיר האלטן דעם עולם אינפארמירט טעגליך און וועכנטליך אויף די דיגיטאלע פלאטפארמעס און אימעילס, איז נאכאלס אריינגעקומען אסאך פארלאנגען צו מאכן חזרה אויף די אפדעיטס, אנטוויקלונגען און נייעס אינערהאלב די ווילעדזש אין די פארגאנגענע ווינטער מאנאטן.

ברוך השם, עס איז פאראהאנען פילע מענטשן דאהי וואס זענען נישט איינגעשריבן אויף די אלע פלאטפארמעס און האלטן נישט מיט מהנעשה והנשמע, און ווי אויך, קומט די נייעס על פי רוב נישט אן אינדערהיים פאר די בני בית צו זיין אינפארמירט.

אלזא, בכדי צו קענען אנהאלטן אונזער שטענדיגע ציל, צו האלטן אן אפענע ליניע פון קאמיוניקאציע און צו האלטן דעם "גאנצן" ציבור אינפארמירט, ברענגען מיר דא אראפ א סך הכל פון די אלע נייעס, אפדעיטס און אנטוויקלונגען פון דעם יעצטיגן ווינטער תשפ"ד דא אין שטאט, סיי מצד די פאראייניגטע אידישע קהילות, און ווי אויך מצד די ווילעדזש, מיר האפן אז איר וועט הנאה האבן און מיר ווארטן צו הערן פון אייך, און אדרבה ואדרבה, אויב האט איר סיי וועלכע הגהות, קאמענטארן און אפילו קריטיק, ביטע פארבינדט אייך מיט אונז, מיר ווארטן צו הערן פון אייך און אייך צופרידן צו שטעלן און צו אדרעסירן אייערע פונקטן.

צו דער זעלבער צייט, איז אן עצה טובה זיך איינצושרייבן און אויפסיינען צו באקומען אלע ווילעדזש אלערטס און אפדעיטס דורך טעקסט אדער אימעיל, אויף אייער סעלפאון, אייער היים-פאון, און סמארט דעווייסעס.

**זיך איינצושרייבן פאר ווילעדזש אפדעיטס, קענט איר שיקן א טעקסט מעסעדזש צו 845.782.2600, פאר יו. זשעי. סי. אפדעיטס שיקט א טעקסט מעסעדזש צו 845.237.4828 מיט אייער היים און סעלפאון נומער און אימעיל אדרעס און עס וועט ווערן צוגעלייגט צו דער ליסטע.**

אויף די אלערט סיסטעם, וועט איר -ווי די אלע וואס זענען שוין אצינד איינגעשריבן- שטענדיג זיין אינפארמירט מיט כסדר'דיגע וויכטיגע אפדעיטס און טוישונגען, איבער די טראנספארטאציע רוטס, סקעדזשולס און אנדערע אפדעיטס און נייעס מהנעשה והנשמע אינערהאלב דעם ווילעדזש.

ווי אויך, אין פאל פון אן עמוירדזשענסי, ווי עס מאכט זיך צומאל א וואסער-מעין ברעיק, אדער א סועדזש-מעין ברעיק, טראפיק און קאנסטרוקציע אלערטס, צו אנדערע גאר וויכטיגע אפדעיטס וואס איז נוגע צו וויסן, וועט איר געהאלטן ווערן אינפארמירט צייטליך.

**שרייבט אייך יעצט איין און זייט כסדר אינפארמירט איבער אלס און אלעמען דאהי אין שטאט.**

# ערהאַבענער 'מסיבת מרעים והכרת הטוב' אַנגענעם אָפּגעראָכטן אין 'יו. דזשעי. סי.' הויפּטקוואַרטיר

א גייסטרייכער מסיבת מרעים ומעמד הכרת הטוב איז דעם פארלאפענעם זונטאג ויגש העעל"ט געפראוועט געווארן בשבת אחים גם יחד, אין די הויפטקווארטירן פון די 'יו. דזשעי. סי.' אפיסעס, וואס האט געדינט אלס א פאסיגע אוונט פון הוקרה ושבח פאר די צענדליגער געטרייע אינגעלייט, שכינים וידידים, וועלכע זענען צו יעדער צייט בייהילפיג פאר תושבי העיר בכל לב ונפש.

דורכאויס דאס יאר ווערט טאקע אפגעהאלטן די מאנאטליכע מיטינגען אינערהאלב די 'ווילעדזש באורד', אזוי אויך קומען פאר רעגלסמעסיגע זיצונגען דורך די 'יו. דזשעי. סי.' באורד און באזונדער קומען זיך אויך צונויף דיביידע באורדס עטליכע מאל אין יאר, צו דוסקוטירן אנגייענדע פראיעקטן און זיך אויסשמועסן בעצה ותושי' פאר דער ווייטערדיגער פראגרעס פון אלע פולזייטיגע פראיעקטן לטובת הכלל והפרט.

אבער אין צוגאב דערצו, קומט מען זיך צונויף איינמאל אין יאר צו א יערליכע 'מסיבת הכרת הטוב', וואו ס'ווערט אפגעגעבן די הכרת הטוב פאר די געטרייע עסקני הציבור, וואס לייסטן אזויפיל פון זייער צייט און פלאג פאר די וואוילזיין פון דעם ציבור. להביע רננות בעד מפעלם!

צו דער באשטימטער צייט, נאָכ'ן דאווענען אינאיינעם תפלת מנחה וערבית, האט מען זיך געזעצט צו די רייך-געדעקטע טישן וואו עס האבן זיך באטייליגט אלע ערוויילטע ווילעדזש באורד מיטגלידער, דער מעיאר און דעפיוטי מעיאר, דער ווילעדזש אטורני, אינאיינעם מיט די ערוויילטע 'יו. דזשעי. סי.' רעפרעזענטאטן פון אלע געגנטער בתוככי העיר.

באזונדער זענען געווען אנוועזנד די אלע געטרייע אישי הציבור וואס זענען עוסק בצרכי ציבור באמונה אלס מיטגלידער אינערהאלב די 'פלענינג באורד', 'זאונינג באורד', 'פארקס קאמישן', 'דעפארטמענט אוו טראנספארטאציע' און אנדערע ווילעדזש פונקציעס, אינאיינעם מיט עסקני העיר וועלכע שטייען שטענדיג צוהילף פאר די איינוואוינער, בכל עת מצוא, מיט אזא איבערגעגעבנקייט און ענערגיע.

עס איז ברייטהארציג סערווירט געווארן ווארימע דעליקאטן און לייכטע געטראנקען, להחיות בהם נפש כל חי, ווען אין אַן אנגענעמער אטמאספערע האט מען פארברענגט צווישן זיך. ווי שיין איז טאקע געווען דאס בילד, זעהנדיג ווי עס זיצן אינאיינעם געטרייע אידישע ברידער וועלכע זענען פאראייניגט פאר'ן זעלבן ציל, פאר דעם עתיד פון אונזער באליבטע שטאט, וואו אידן זאלן קענען וואוינען מיט הרחבת הדעת, ארומגענומען מיט אן ערליכע הייליגע סביבה.








די נאבעלע מסיבת מרעים איז גלייכצייטיג געווען משולב מיט א מעמד סיום מסכת כתובות וואס איז געלערנט און געענדיגט געווארן דורך הרבני מו"ה יצחק פעלדמאן הי"ו, ווילעדזש טראסטי, וועלכער האט אויפ'ן ארט געמאכט דעם 'הדרן' און מכבד געווען מיט 'אמירת קדיש' הרבני הנכבד מו"ה אברהם משה הכהן ווייס שליט"א, ווילעדזש דעפיוטי מעיאר.

דאן האט מען געהערט פאסיגע אויפטריטן פון עטליכע עסקני העיר וואס האבן ווארעם באגריסט די פארזאמלטע און אפגעגעבן מעומק הלב דעם אנערקענטן 'הכרת הטוב' פאר אלעמען. מען האט דערביי ארויסגעהויבן די פעולות לטובה וואס איז ב"ה געטון געווארן בלויז אין די לעצטע תקופה און עס איז אויסגעשמועסט געווארן בתוך רבים די וויזיע פאר דעם קומענדיגן יאר, וואָס וועט בעז"ה ערררייכט ווערן מיט די אחדות'דיגע צוזאמענארבעט פון אלע עסקנים, וואס איז דער גרעסטער יסוד פאר די הצלחה, צו גיין מחיל אל חיל.

ונתנו ידידים זמירות שירות ותשבחות! א לענגערע צייט האט מען אינאיינעם פארברענגט געשמאק מיט 'שעות של קורת רוח', וואו מ'האט זיך גלייכצייטיג אויסגעשמועסט נויטיגע פונקטן וויאזוי צו נאכמער אויפטון, נאכמער צו פארברייטערן, ערלעדיגן און דורכפירן וויכטיגע טעמעס, להרבות פעלים ולהרחיב גבולי הקדושה אויף פארשידענע אספעקטן כאיש אחד בלב אחד, מיט אן ערווארטעטע הצלחה פונקט ווי ביז היינט, וחפץ ה' בידינו יצליח.

די גייסטרייכע אוונט האט ב"ה געדינט דעם ריכטיגן ציל; מחד גיסא ארויסצוהייבן דעם ריכטיגן "הכרת הטוב" און געפילן פון שעצונג פאר די עוסקים בצרכי ציבור באמונה, און בחדא מחתא צו פארשטארקן דעם קעגנזייטיגן "קשר אמיץ" צווישן די טייערע עסקנים, צו ממשיך זיין מיט די פעולות החסד לטובת אלע בני העיר, ובשם ה' נעשה ונצליח!

**למען צדקם, יגדיל ויאדיר!**

# בלומינג גראָוו געניסט פון נייע פראַכטפולע לאָנדאָ׳ס סופערמאַרקעט

דעם פאַרלאָפענעם ווינטער האָבן תושבי בלומינג גראָוו אויפגענומען מיט פרייד די עפענונג פון דעם גראנדיעזן און פראכטפולן נייע "לאנדא׳ס סופערמארקעט" דאהי אין שטאט.

די נייע סופערמארקעט איז א ׳פאר ויופי׳ אין די גרויס פון ארום **10,000** סקווער פיס, פולקאם צוגערישט מיט א ברייטן אויסוואל פון פראדוקטן און צוגעהערן, און ווי אויך צוויי באזונדערע קיכן, פאר מילכיג, פליישיג און ווי אויך א פיש געשעפט.

דער געשעפט איז הערליך צוגעשטעלט און דעזיינט געווארן מיט א פאכמאנישקייט דורך די יוסי ג. דעזיין פירמע אליינס א תושב העיר.

אין צוגאב צו די **10** טויזנט סקווער פיס גראסערי, האט די "לאנדא׳ס סופערמארקעט" א באזונדערע **10** טויזנט סקווער פיס אויף דער אונטערשטער שטאק פונעם סטאונגעיט ביזנעס צענטער, אונטער דעם געשעפט, ווי עס ווערט צוגעשטעלט אלע נארהאפטיגע מאכלים און קעיטערינג און פון ווי עס ווערן ארויסגיין אלע פאון ארדערס. די אונטערשטע שטאק, איז צוגערישט מיט אלע פאסיליטיס צו קענען פארזיכערן די מאקסימום פלאץ און באקוועמליכקייט פאר די איינקויפער אויף די מעין שטאק.

עס איז אויך צוגעשטעלט געווארן פארקינג בהרחבה גדולה, אזויווי אלע אנדערע פראיעקטן דאהי.

די תושבים קוקן ארויס אויף די הצלחה און טוען וואונטשן פאר די בעלי הבתים פיל ברכה הצלחה ונחת לרוב און אסאך השפעות טובות.

צום חנוכת הבית, איז כ״ק אדמו״ר מסאַטמאַר שליט״א אראפגעקומען פערזענליך באגלייט מיט די ראשי קהילה והמוסדות פון קרית יואל, אפצוגעבן דעם כבוד הראוי פאר מו״ה שמואל אהרן לאנדא ני״ו חבר הנהלת המוסדות און טראסטי אין ווילעזדש אוו קרית יואל און זיין פאטער מו״ה מרדכי ני״ו, וועלכע העלפן שטענדיג ארויס און טוען עוסק זיין אין די קהילה און מוסדות.

נאכן ערשיינען, איז צום ערשט פארגעקומען א מעמד קביעת המזוזה וואו די רבי שליט״א האט אנגעקלאפט א מזוזה, דערנאך האט זיך די רבי שליט״א געזעצט צו א מסיבת לחיים און אנגעוואונטשן מברכותיו הטהורות פאר די משפחה, ובפרטיות א ברכת צלח ורכב פאר העסקן מו״ה ר׳ שמעון לאנדא ני״ו מתושבי העיר וואס גיבט זיך שטענדיג אוועק פאר די תושבים בכלל ובפרט און וועט פארפיגן מיט געניטקייט אויף דעם לאקאל.

**ימין ושמאל תפרוצו!**






# איש את רעהו יעזורו: ערשטמאָליגע דעוועלאָפּערס און קאָנסטרוקציע מיטינג געקרוינט מיט סוקסעס

דעם פאַרגאַנגענעם פרשת תרומה, איז פארגעקומען א געמיינזאמע זיצונג וועלכע איז אראנזשירט געווארן אויף די פארלאנג פון פילע דעוועלאפערס, בויערס, בראוקערס און נאך עסקנים דאהי אין שטאט.

מען איז זיך צוזאמגעקומען מטכס עצה צו זיין וויאזוי מען קען ברענגען פאר די איינוואוינער די בעסטע קוואליטעט הייזער און סערוויסעס ביים בויען נייע דירות. ווי יעדער האלט מיט איז ברוך השם פארהאנען א געוואלדיגע הרחבת גבולי הקדושה, ווי עס טוען זיך בויען הייזער אויף כמעט יעדע גאס אין שטאט און מען זעהט די פרישע הייזער קומען ארויף אן אויפהער מיט א געוואלדיגע אימפעט און שנעלקייט כה יתן ד' וכה יוסיף.

ביי די זיצונג, האט מען דורכגעשמועסט פילע ענינים לטובת הציבור, זיכער צו מאכן אז די ארבעט גייט ווי געשמירט, און אז די טאג טעגליכע ווירטשאפט און לעבנסשטייגער פונעם שטאט און פון די איינוואוינער ווערן נישט געשטערט און אז אלעס גייט אן צו יעדנס צופרידענהייט.

ווי אויך האט מען צו דער געלעגנהייט און אויף דער איניציאטיוו פון אבד"ק קאריץ שליט"א וועלכער איז גאר טעטיג אין דעם נושא און האט שוין סוקסעספול ארויסגעהאלפן פילצאליגע תושבים אראפגעברענגט רעפרעזענטאטן פון פארשידענע פינאנציעלע אינסטיטוציעס, וועלכע טוען ארויסהעלפן סיי די דעוועלאפער און סיי די קונים צו באקומען גאר גינסטיגע הלוואות מיט גוטע ראטעס, צו ארויסהעלפן די וואס זענען גרייט צו בויען און קויפן צו האבן צוטריט צו פינאנציעלע הילף.

די זיצונג איז געווען גאר אנגענעמליך און פראדוקטיוו, ווי מען האט פארברענגט כאיש אחד בלב אחד, און עס איז געווען א נחת צו זעהן ווי פילצאליגע קאנקורירנדע ריעל-עסטעיט פירמעס און דעוועלאפערס זיצן און שמועסן זיך אדורך מיט-טיילנדיג געדאנקען און רעקאמענדאציעס איינער פאר'ן צווייטן מיט א פריינטליכקייט, ברידערליכקייט און העפליכקייט.

דער עולם איז זיך צוגאנגען מיט צופרידענע געמיטער, מיט א גוטן ווילן צו האלטן ווייטער אפן די קאמיוניקאציע ליניעס, סיי פאר די איינוואוינער און סיי צו בויען, אז די הרחבת גבולי הקדושה זאל טאקע קענען אנגיין ווייטער בעזהשי"ת בשעה טובה ומצלחת, להרחיב גבולי הקדושה ולנצח על מלאכת בית ד'!

**ובשם השם נעשה ונצליח!**





# פּראָדוקטיווער זיצונג אָפּגעהאַלטן מיט 'דרכי יושר' באָס פירמע אויסצושמועסן סעיפטי אַנגעלעגנהייטן

דעם פארגאנגענעם דאנערשטאג ליל שישי פרשת יתרו, איז אויף די איניציאטיוו פון מו"ה יואל וויטריאל ואתו עמו מו"ה יודל פאלקאוויטש פארגעקומען א גאר פראדוקטיווער זיצונג אין די יו. דזשעי. סי. הויפטקווארטירן, מיט די מענעדזשמענט פון די דרכי יושר באס פירמע, וואס טוט היינט פארפיגן אויף די טראנספארטאציע פון די מוסדות התורה פאר תושבי בלומינג גראוו און די ארומיגע געגנטער, ווי סמיט-גארדענס, וואודבארי דזשאנקשאן, קאנטרי האלאו און נאך.

עס האבן זיך באטייליגט ביים זיצונג די באס דרייווערס פון די "דרכי יושר" באס פירמע, די ווילעדזש באאמטע און ווי אויך די ווילעדזש און מאנראו פאליציי אגענטורן און דער מאנראו מעיאר ניעל דווייער, וועלכע איז גאר אקטיוו אויף די טאג-טעגליכע טראנספארטאציע פראצעדור, זיכער צו מאכן אז די זיכערהייט פון די באסעס און קינדער גייען אן אויף די בעסטע פארמאט.

ביי די זיצונג, איז געווארן אויסגעשמועסט פארשידענע זיכערהייט מעטאדן, פאר די סעיפטי פון די קינדער פארנדיג און קומענדיג פון די מוסדות התורה. ווי אויך איז געווארן אויסגעשמועסט די פארשידענע קאמפלעינטס און וויאזוי מען קען פארבעסערן די ראוטס און קאמיוניקאציע סיי צווישן די באס פירמע און די מוסדות און סיי מיט די עלטערן און די קינדער, צו די באקוועמליכקייט פון יעדעם איינעם.



עס איז געווען א געוואלדיגער קידוש השם, וויאזוי מען איז געזיצן עטליכע שטונדן און אויסגעשמועסט אלע פונקטן בטוב טעם ודעת ותשועה ברוב יועץ און צו זעהן די צוזאמנארבעט פון אלע אגענטורן מיט די באס פירמע און אירע דרייווערס, און די באטייליגטע האבן ארויסגענומען עצות און רעקאמענדאציעס מכח אל הפועל אויפן פלאץ.

אין די צוקונפט, וועלן פארקומען מער אזעלכע זיצונגען פאר די זיכערהייט און באקוועמליכקייט פון די צאן קדשים, ותינוקות של בית רבן.

צו דער זעלבער צייט, אויב האט איר סיי וואסערע באמערקונג און רעקאמענדאציעס פאר דרכי יושר, רופט אריין אויף 845.273.1117 עקסטענשן 8 וואו מען וועט זיכער מאכן אלעס מסדר צו זיין עצהיו"ט פאר אייער באקוועמליכקייט און צופרידנהייט

**בית יעקב לכו ונלכה!**

United Jewish Community
of Blooming Grove
Est. 2019

## פרייליכע מעלדונג

לכבוד יום טוב וועט בעזהשי"ת זיין צוגעשטעלט פאר די טייערע קינדערלעך

## לכבוד חול המועד

# העליקאפטער ריידס



דער העליקאפטער וועט בעז"ה זיין דאהי

## פרייטאג און זונטאג חוה"מ

## ביים שטח התלמוד תורה

58 פארט ווארט פלעיס.

---

## פרייז: $25 פער פערזאן

## מען קען נאר באצאלן מיט קעש

---

בברכת חג כשר ושמח!

די פאראייניגטע אידישע קהלות בלומינג גראוו

**ושמחת בחגך והית אך שמח!**

# מוסדות התורה אין קרית יואל שיקן "אמיקוס בריעף" צום העכסטן אַפּעלאַט געריכט לטובת תושבי בלומינג גראוו

ווי פאר אלעמען באקאנט, ציט זיך שוין א לאנג-יעריגע געריכט איבער דעם וואס די וואשינגטאן סקול דיסטריקט טוט דיסקרימינירן די איינוואוינער פון בלומינג גראָוו פון זייער ערליך פארדינטע און שטייער באצאלטע טראנספארטאציע סערוויסעס.

די קעיס איז איבער די 21 טעג, ווען די מוסדות זענען אפן, אבער די סקול דיסטריקט איז פארמאכט, א שטייגער ווי חגאות א.ד.ג.. די טראנספארטאציע פאר די טעג האט אפילו נישט קיין איבריגע קאסטן פאר די סקול דיסטריקט, וויבאלד עס ווערט באלאנסירט מיט די טעג וואס די מוסדות זענען נישט אפן, א שטייגער ווי להבדיל די ימים טובים.

די סקול דיסטריקט טוט זיך שלאגן מיט ציין און נעגל נישט צו דארפן באצאלן פאר די 21 טעג, וואס דאס טוט דורכדעם אפקאסטן פאר די אחינו בני ישראל, הונדערטער טויזנטער דאללער קאלעקטיוו, פער יאר.

ברוך השם אַז דאָס געריכט גייט אין די גוטע דירעקציע און די קעיס איז געווארן אנגענומען ביים העכסטן אפעלאט געריכט, וועלכע איז דער פערטער סירקויט אוו אפיעלס אין ניו יארק סטעיט.

שטייענדיג אַצינד בעפאָר דעם פּעריאָד ווען דער קעיס איז ערוואַרטעט געהערט צו ווערן אין די נאנטע וואכן, זענען די יו. דזשעי. סי. עסקנים ארויס מיט א ביטע צו די מוסדות התורה אין קרית יואל, אז זיי זאלן אריינשיקן צום העכסטן אפעלאט געריכט חיזוק און הערצה בריוון און ווי אויך לעגאלע מיינונגען און רעקאמענדאציעס, וועלכע רופט זיך אן "אמיקוס בריעף", לטובת תושבי העיר.

הר"ר משה אלי' עסטרייכער שליט"א, דער אַדמיניסטראַטאָר פון מוסדות ויואל משה קרית יואל, ואתו עמו הר"ר שלמה זלמן ווייס שליט"א דער אַדמיניסטראַטאָר פון מוסדות תורה ויראה קרית יואל, האבן אויף זייערע קאסטן אַראַנדזשירט דעם גאר מאכטפולן אדוואקאטן פירמע וואס שטייט שטענדיג צום דינסט פארביידע מוסדות, און שפּיץ פונעם באקאנטן אדוואקאט מיסטער ריטשארד מעהאן, וועלכער איז געווען גאר אינסטרומענטאל ביי די קאוויד עפּאכע, אז מען זאל קענען צוריק עפענען די מוסדות התורה ווי אמשנעלסטן דאהי אין אראנזש קאונטי.

מר. מעהאן מיט זיין היסטאריע און פארשטאנד בנוגע מוסדותינו הקדושים האט אפגעשריבן א דעטאלירטן און מאכטפולן "ליגעל אפיניען" צום אפעלאט געריכט לטובת די אידישע איינוואוינער אין בלומינג גראָוו, און עס איז געפיילט געווארן דעם פאַרלאָפּענעם מיטוואך שמיני בשעה טובה ומוצלחת.

באזונדער איז אריינגעשיקט געווארן אן "אמיקוס בריעף" דורך אגודת ישראל ד'אמעריקע וואס טוט מיטהאלטן פונדערנאנט אלע אקטיוויטעטן דאהי, ווי זיי האבן שוין פיל ארויסגעהאלפן דעם ציבור מיטן ארלעדיגן דעם טעקס וועטא פונעם גאווערנאר אינעם עבר, און וויבאלד דער אויסגאנג פון דעם קעיס קען בעזרת השם יתברך האבן גאר גונסטיגע רעזולטאטן פאר די הונדערטער מוסדות התורה איבער גרעיטאר ניו יארק ווי זיי פארטרעטן א גרויסן ציבור תלמידים, האבן זיי אויך אנטייל גענומען אצינד שכם אחד לטובת הענין.

דער קעיס איז אויפ'ן קאלענדער געהערט צו ווערן אום מאי 15 למספרם און מען האָפט צו השי"ת אַז מ'זאָל הערן גינסטיגע רעזולטאַטן לטובת אידיש געלט.



To be Submitted by:
RICHARD M. MAHON II

APL 2022-00181
Albany County Clerk's Index No. 906129-21
Appellate Division–Third Department Case No. 534406

Court of Appeals
of the
State of New York

UNITED JEWISH COMMUNITY OF BLOOMING GROVE, INC., JOEL STERN, as Parent and Natural Guardian of K.S., M.S., R.S., B.S., and F.S., Infants under the Age of Eighteen Years, and YITZCHOK EKSTEIN, as Parent and Natural Guardian of J.E., C.E., M.E., and P.E., Infants under the Age of Eighteen Years,

*Petitioners/Plaintiffs-Appellants,*

– against –

WASHINGTONVILLE CENTRAL SCHOOL DISTRICT and THE NEW YORK STATE EDUCATION DEPARTMENT,

*Respondents/Defendants-Respondents.*

BRIEF FOR *AMICI CURIAE* SHERI TORAH, INC. AND UNITED TALMUDICAL ACADEMY OF KIRYAS JOEL IN SUPPORT OF PETITIONERS/PLAINTIFFS-APPELLANTS

CATANIA, MAHON & RIDER, PLLC
RICHARD M. MAHON II
*Attorneys for Amici Curiae*
641 Broadway
Newburgh, New York 12550
Tel.: (845) 565-1100
Fax: (845) 565-1999
rmahon@cmrlaw.com

Date Completed: April 3, 2024

COUNSEL PRESS



APL-2022-00181

Court of Appeals
of the
State of New York

In the Matter of

UNITED JEWISH COMMUNITY OF BLOOMING GROVE, INC., JOEL STERN, AS PARENT AND NATURAL GUARDIAN OF K.S., M.S., R.S., B.S., AND F.S., INFANTS UNDER THE AGE OF EIGHTEEN YEARS, AND YITZCHOK EKSTEIN, AS PARENT AND NATURAL GUARDIAN OF J.E., C.E., M.E., AND P.E., INFANTS UNDER THE AGE OF EIGHTEEN YEARS,

*Petitioners/Plaintiffs-Appellants,*

-against-

WASHINGTONVILLE CENTRAL SCHOOL DISTRICT AND THE NEW YORK STATE EDUCATION DEPARTMENT,

*Respondents/Defendants-Respondents.*

BRIEF FOR *AMICUS CURIAE* AGUDATH ISRAEL OF AMERICA IN SUPPORT OF PETITIONERS / PLAINTIFFS-APPELLANTS

Martin Bienstock
BIENSTOCK PLLC
15 West 38 Street, Suite 628
New York, N.Y. 10018
(646) 693-2934
mbienstock@bienstockpllc.com

*Counsel for Amicus Curiae*

Appellate Division, Third Department Appeal No. 534406
Albany County Index No. 906129-21

## וויכטיגע מעסעדזש פונעם טאַון קאָונסילמאַן; טאַון לייגט געוויכט אויף אומבאַצאָלטע טיקעטס

התורה חסה על ממונם של ישראל: אין אַ מעלדונג דורך דעם געטרייען טאַון קאָונסילמאַן, הר"ר אלימלך שמשון שוואַרץ הי"ו, איז איבערגעגעבן געוואָרן אַז דער טאַון האט אין די לעצטיגע טעג אויפגענומען א ספעציעלע שטאב נאכצוגיין אלטע אומבאצאלטע טיקעטס פון די בלומינג גראוו פאליציי און די קאורט, און צו אינפארסירן מיט פענעלטיס און געלט שטראפן מיט צינזן.

ר' אלימלך שמשון באַטאָנט אַז ס'איז וויכטיג דער ציבור זאל באצייטנס מסדר צו זיין אלע אויסשטייענדע טיקעטס ווי אמשנעלסטנס, וויבאלד דער טאון האט שוין אנגעהויבן ארויסשיקן בריוון און שטראפן.

אויב ווילט איר פיילן אן עקסטענשאן פארבינדט אייך מיט די קאורט:

(845) 496-7631

BloomingGroveTownCourt@nycourts.gov

# וְכָל מִי שֶׁעוֹסְקִים בְּצָרְכֵי צִבּוּר בֶּאֱמוּנָה הקב"ה יְשַׁלֵּם שְׂכָרָם

שטייענדיג אַצינד בעפאָר די גורל'דיגע באַשלוס דורך דעם העכסטן אַפּעלאַט געריכט אין ניו יאָרק סטעיט אַנבאַלאַנגט די **פּאַרצויגענע קעיס** פּרעזענטירט דורך די 'יו. דזשעי. סי.'

צו פאַרלאַנגען אַז 'וואַשינגטאָנוויל סקול דיסטריקט' זאל באַצאָלן די **טראַנספּאָרטאַציע קאָסטן** פאר די 21 סקול טעג ווען אַלגעמיינע שולעס זענען פאַרמאַכט אָבער אידישע מוסדות זענען יאָ אָפן, וואָס וועט בעז"ה **אָפּשפּאָרן הונדערטער טויזנטער דאָלער פון אידיש געלט קאָלעקטיוו, פּער יאָר פון תושבי עירינו**

שפירן מיר אַ פליכט צו אַרויסברענגען אונזער דאַנק און הכרת הטוב פאר הני צנתרי דדהבא, אישי הציבור, העומדים לשרת בקודש למען אלפי תינוקות של בית רבן בכל לב ונפש

## הר"ר משה אלי' עסטרייכער הי"ו

**אַדמיניסטראַטאָר מוסדות ויואל משה דרב"י — קרית יואל**

ואתו עמו

## הר"ר שלמה זלמן ווייס הי"ו

**אַדמיניסטראַטאָר פון מוסדות תורה ויראה דרב"י - קרית יואל**

**וועלכע האָבן אויף זייערע קאסטן אַראַנדזשירט די מאַכטפולע אַדוואָקאַטן פירמע, אין שפּיץ פונעם באקאנטן אַדוואָקאַט, מר. ריטשארד מעהאן, צו אַראָפּשרייבן און פּרעזענטירן צום אַפּעלאַט געריכט אַ העכסט פּראָפעסיאָנאַלער און איבערצייגנדער**

# לעגאַלער 'אמיקוס בריוו'

## מטעם די מוסדות הק'

**צו פאַרטיידיגן די מינימאַלע רעכטן פון די הונדערטער עלטערן שיחי' וואָס וועט האָפנטליך האָבן אַ מאַכטפולן אָפּקלאַנג אין די געריכט קאָרידאָרן, להוציא לאור צדקינו.**

## נַבִּיעַ רְנָנוֹת בְּעַד מִפְעָלָם!

בשם די הונדערטער עלטערן, תושבי בלומינג גראָוו, דרוקן מיר אויס אונזער הכרת הטוב און ברכה אַז השי"ת זאל אייך באַצאָלן מידו הרחבה והמלאה, ישלם ה' פעלכם ותהי משכורתכם שלמה מעם ה' אלקי ישראל, מיט ברכות און השפעות טובות, נחת דקדושה, עושר ואושר, מיט אַ גליקליכע שפע פון הרחבת הדעת ומנוחת הנפש, אמן!

ויה"ר שתשרה שכינה במעשי ידינו, וחפץ ה' בידינו יצליח,

**ובשם ה' נעשה ונצליח למען הצלת ממון ישראל!**

מיט שעצונג און הכרת הטוב

## די פאַראייניגטע אידישע קהלות פון בלומינג גראָוו

United Jewish Community

Est. 2019

of Blooming Grove



# ענדגילטיגע די. אי. סי. הירינג אַנבאַלאַנגט שכונת דברי חיים דעוועלאָפּמענט אָפּגעהאַלטן געוואָרן

דעם פאַרגאַנגענעם מיטוואך פרשת שמיני איז אָפּגעהאַלטן געוואָרן דער די. אי. סי. הירינג, וואו ס›איז באַהאַנדלט געוואָרן דער פּראָיעקט צו איבערנעמען די וואַסער - געבענטשטע קוועלער וועלכע געפינען זיך אויף דעם גרויסן שטח פון די באַקאַנטע "שכונת דברי חיים" (קלאוו -וואוד) דעוועלאָפּמענט, וואָס וועט האָפנטליך ברענגען אַ פרישע שפע פון מיליאָנען גאַלאָנען וואַסער פאר דעם גאַנצן ווילעדזש אָוו סאַוט בלומינג גראָוו.

ווי געמאלדן אין די פארגאנגענע מאנאטן, ארבעט די ווילעדזש האנט ביי האנט אויף מערערע פראנטן צו פארמערן די וואסער אינוועטארי דאהי אינעם ווילעדזש דורך פארשידענע מהלכים און אופנים, סיי דורכ׳ן גראבן פרישע קוועלער אויף ווילעדזש פראפערטי און ווי אויך אויף פריוואטע פראפערטיס, וועלכע זאל בעזהשי״ת קענען סערווירן דעם ציבור.

ווי אויך טוט די ווילעדזש ארבעטן אויף דעם פארצויגענעם פראיעקט צו קענען איבערנעמען די אלע וואסער-געבענטשטע קוועלער וועלכע געפינען זיך אויף די גרויסארטיגע פראפערטי פון די שכונת דברי חיים דעוועלאפמענט, ווי עס איז פארהאן א געמיינזאמע פארשטענדעניש און פארהאנדלונג מיט די דעוועלאפערס, איבערצוגעבן די קוועלער צום ווילעדזש, וואס וועט ווי פארשטענדליך ברענגען צום גאנצן ווילעדזש אן אומגעהויערן שפע פון וואסער בעזרת השם יתברך.

דער פראיעקט איז אבער גאר פארצויגן, און ווי עס איז יעדן באקאנט איז שכונת דברי חיים געווען אויסגעשטעלט דורכאויס די יארן צו אומצאליגע מאכינאציעס און פארשלעפונען דורך די אינסטאנצן ביי יעדע געלעגנהייט, ביז די ווילעדזש איז ב״ה געווארן איבערגענומען דורך די היימישע אדמינסטראציע וועלכע האט היפש פאראויסגעריקט דעם פראיעקט.

אצינד, האלט מען ביי דעם ענדגילטיגן שטאפל, ווי עס ווערט ערווארטעט די "פיינעל וואסער און סוער אפראוועל" פון די ניו יארק סטעיט ענווייראמענטל דעפארטמענט (DEC), צו קענען פאראויס גיין און ענדגילטיג אנהייבן ארייינלייגן די וואסער-ליניעס ביי די קוועלער און תיקף דערנאך קענען די דעוועלאפער אנהייבן גיסן די פאנדעישאנס בעזהשי״ת ובשטומ״ צ.

די די.אי.סי. האט ווי ערווארטעט נאך א געמיינזאמע צוזאמנארבעט פאר לאנגע מאנאטן מיט די ווילעדזש געגעבן א "דרעפט פערמיט" פאר דעם פראיעקט דעם פארגאנגענעם נאוועמבער, מיט א קלארשטעלונג אז זי וועט לאזן אפן די "דרעפט" פאר דרייסיג טאג, צו הערן אויב עס איז נאך פארהאנען סיי וועלכע קאמענטארן און פידבעק בנוגע דעם





פראיעקט און דאן וועט זי פולקאם פיינעליזירן די פערמיטן.

עס ברויך טאקע ווערן ארויסגעברענגט לשבח די פילע איינוואוינער וועלכע האבן גענומען די מיה און אריינגעשיקט פאזיטיווע ווענדונגען און בריוון און אי-מעילס צו די די. אי. סי. געבנדיגע חיזוק און הערצה און בעטנדיג אויף א פראפעסיאנאלע און איידעלע אופן אז די דעפארטמענט זאל פאראויס גיין און פיינעליזירן די פערמיטן אז דער פראיעקט זאל קענען פאראויסגיין.

אבער צו דער זעלבער צייט זענען אריינגעקומען אן אומגעהויערע צאל העצע בריוון, וואס מערסטנס פון די ברייוון קומען פון עלעמענטן און גרופעס וואס וואוינען בכלל נישט אין דעם ווילעדזש, און האבן אריינגעשיקט פארקערטע בריוון, מיט קאמענטארן שלא היה ולא תהיה.

דער די. אי. סי. האט אלס אנטווארט גענומען שריט, ווי צום ערשט האט זי פארלענגערט די "קאמענט פעריאד" צו לענגער ווי דרייסיג טאג און עס אויסגעצויגן ביז צו דעם פארגאנגענעם יאנואר 5 און דאן ווען די "קאמענט פעריאד" האט זיך פארמאכט באקומענדיג נאך דרוק סיי פון דרויסנדיגע עלעמענטן און סיי פון געוויסע באקאנטע פאליטיקאנטן האט דער די. אי. סי. אַראַנדזשירט א "פובליק הירינג" צי מען זאל למעשה פיינעליזירן די פערמיטן פאר שכונת דברי חיים.

ביי דעם הירינג, האבן זיך באטייליגט הונדערטער פערזאנען און ווי אויך האבן אויפגעטרעטן איבער 200 קאמענטירער, וועלכע האבן געלאזט הערן זייער מיינונגען און געדאנקען במשך פינף לאנגע שטונדן וואס די הירינג האט גענומען, צוטיילט אין צוויי סעסיעס.

צווישן אלע קאמענטארן, האט זיך ארויסגעשטעלט דאס שיינקייט פון אחינו בני ישראל וואס זענען ארויסגעקומען און אפגעגעבן זייערע קאמענטארן מיט רעספעקט און פראפעסיאנאליזם לטובת דעם פראיעקט. ותשואת חן חן להם פארן אראפנעמען פון זייער טייערע צייט און זיך באטייליגן.

עס האבן אויך אויפגעטרעטן דער וועטעראן עסקן הרה"ח מו"ה משה דוד נידערמאן שליט"א, דער דירעקטאר פון יו. דזשעי. או. מיט גאר טרעפליכע ווערטער בנוגע דעם פראיעקט און ווי אויך הרה"ח מו"ה אהרן בנציון ווידער שליט"א, דער ראקלענד קאונטי לעגיסלעיטאר פאר דיסטריקט 13 פון מאנסי, וואס טוט אַצינד לויפן פאר ניו יארק סטעיט אסעמבלי, וועלכע האט אויך אויפגעטרעטן מיט גאר שטארקע דיבורים לטובת דעם פראיעקט.

ביידע האבן גאר שיין ארויסגעברענגט די טיפע העצע אין די גאס אנטקעגן דעם פראיעקט וואס איז נישט באזירט אויף קיין תכלית און פאקטן, און נאר אויף די "פן ירבה" שרעק, און זיי האבן געפאדערט אז דער די. אי. סי. זאל באהאנדלען דעם אפליקאציע קוקנדיג אויפ'ן תוכן און דער פאקטישער מציאות, און נישט ווערן פארבלענדט פון פאליטישע אגענדעס און העצע פון דרויסנדיגע אינטערעסן, וואס האבן נישט מיט די פראיעקט זעלבסט.

עס איז געווען ספעציעל איבערראשענד צו זעהן ווי פון צווישן הונדערטער קאמענטירער האט נאר א מספר מיעוט געהאט אן אמת'ע פארשטאנד אין דעם תוכן פון די אפליקאציע פאר די פערמיט וואס ווערט באהאנדלט. עס האט זיך ארויסגעשיילט זייער קלאר אז רובא דרובא וואס זענען געקומען קאמענטירן האבן בכלל נישט גענומען די צייט און מיה דורכצוקוקן און צו פארשטיין וואס דער נושא איז בכלל, נישט וויסנדיג קיין שום פאקטישער ציפערן צוםביישפיל וויפל וואסער איז פארהאן אין די 6 פון 26 קוועלער אויף וואס דער פערמיט איז באזירט פונעם פראיעקט.

ווי אויך האט זיך ארויסגעשטעלט אז די אנגענומענע מיינונג ביים פובליקום איז אז דער דיון איז צי זאל דער דעוועלאפמענט ארויסלאזן רויע סועזדש אין דעם סעטערלי קריק, וואס איז הימל שרייענד נאאיוו, ווען דער פערמיט איז איבער א סוער פלענט וואס וועט ארויסלאזן שוין טריעטעד וואסער וואס לויט די שטודיעס וועט עס זיין מער ריין פון די איצטיגע וואסער אין דעם קריק.

די פראפעסיאנאלן און אדוואקאטן וואס זענען געווען אנוועזנד, האבן אויסגעדרוקט שאק ווי די באטייליגטע זענען בכלל נישט באהאווענט אין אפלערנען דעם ענין און מען טוט בלויז ציען מסקנות, באזירט אויף נארישע פאליטישע העצע פון אינדרויסן.

און דערצו זענען געווען געוויסע וואס ניטאמאל דאס האבן זיי געקענט, נאר האבן אויסגענוצט דעם צוויי מינוט קאמענט פעריאד פאר קינדערישע אטאקעס אויף אינדיווידועלן, וואס האט געגעבן דעם ריכטיגן איינדרוק פאר דער די. א. סי. איבער דעם אמת›ן ציל.

דער די. אי. סי. האט געמאלדן, אז אנשטאט פארמאכן דעם "קאמענט פעריאד" אום אפריל 5, ווי פריער באשטימט, וועלן זיי עס אפשטופן מיט א וואך און עס פארמאכן ערשט אפריל 12, צו געבן נאך צייט פאר ווער עס וויל אריינשיקן נאך קאמענטארן.

נאך דעם אפריל 12 דאטום, האט דער די. אי. סי. זעכציג טאג צו געבן אן "אפראוועל" אדער א "דינייעל" פאר'ן פראיעקט.

לב מלכים ושרים ביד השם, דער ציבור קוקט ארויס און ווארט אויף א פאזיטיווע אנטוויקלונג בנוגע דעם פראיעקט, ובשם השם נעשה ונצליח!

מיר וועלן בעז"ה האלטן דעם עולם אינפארמירט מיט ווייטערדיגע אפדעיטס.

# אַלע קינדער פון מוסדות קרית יואל רעגיסטרירט אינערהאַלב וואַשינגטאָנוויל סקול דיסטריקט

דעם פאַרגאַנגענעם פרשת תרומה, איז פאבשעה טובה ומוצלחת האָט די יו. דזשעי. סי. שוין רעגיסטרירט אלע תלמידים ותלמידות פון אלע דריי מוסדות התורה אין קרית יואל פאר טראנספארטאציע סערוויסעס פונעם וואשינגטאנוויל סקול דיסטריקט פארן נייעם סקול יאר למספרם 2024-2025.

צו די זעלבע צייט, ווילן מיר דערמאנען אלע עלטערן וואס שיקן פרישע קינדער, וואס וועלן זיין אין עלטער פון פינף יאר פאר דעצעמבער 1, אדער עלטערן פון קינדער וואס האבן זיך אריינגעצויגן דאהי אין די פארגאנגענע יאר און זענען נאך קיינמאל נישט געווען רעגיסטרירט פאר טראנספארטאציע בעפאר, זאלן זיך רעגיסטרירן ווי אמשנעלסטנס.

מען קען אפנעמען רעגיסטראציע פאפירן ביי די יו.דזשעי.סי. הויפטקווארטיר, אויף 29 מעריוואלד לעין סאוט.

**ובשם השם נעשה ונצליח!**

# בלומינג גראוו 'שמות טראַק' סערוויס

אין נאָך אַ באַגריסנדע סערוויס איז דעם פאַרלאָפענעם מאָנטאָג פרשת מצורע אַראַנדזשירט געוואָרן אַז אַ "שמות טראק" איז אַריבערגעקומען צו דער יו. דזשעי. סי. הויפטקווארטיר אויף 29 מעריוואלד לעין סאוט, פון 6 אזייגער נאכמיטאג ביז 10 אזייגער ביינאַכט, וואָס האָט פאַרלייכטערט פאר לאָקאַלע איינוואוינער צו ערלעדיגן זייערע 'שמות' אויף אַן אויסגעהאַלטענעם, פאַרלעסליכן און צוגעגליכן פאַרנעם.

# וואונדערליכע מעגאָ פסח פראָגראַם דורכגעפירט מיט אויסטערלישע ערפאָלג

## יו.דזשעי.סי. פארטיילט 'צום אַכטן מאָל' אין אַ רייע ווערטפולע קיופּאַנס פאר צרכי יום טוב

### מצות, גרעיפ דזשוס און פעיפער גודס ווערט פאַרקויפט פאר שטוינענד ביליגע דיסקאַונטס דורך פאראייניגטע כח השתדלנות והחסד

ס'איז שוין ווי אַ יערליכע ערשיינונג אַז צוזאַמען מיט'ן יום טוב פורים, ערהאַלטן תושבי בלומינג גראָוו אין די פאָסט קעסטלעך די גאָר ווערטפולע און פראַקטישע קיופּאַנס, וואָס איז שוין אַצינד דאָס אַכטע מאָל ווען דאָס ווערט פאַרטיילט מיט אַזאַ ברייטהאַרציגקייט בעתו ובזמנו אין די יעצטיגע אנגעשטרענגטע ערבי פסחים.

מטעם די יו. דזשעי. סי. ווערט אַריינגעלייגט באַזונדערע באַמיאונגען צו אַהערשטעלן אַ ליסטע פון אַלע סאָרט געשעפטן, פראָדוקטן און סערוויסעס אויף יום טוב, אלעס פאר די ביליגסטע הנחות און פרייזן וואס איז נישט דא צו באקומען אין ערגעץ, און דאָס ווערט טאַקע אַרויסגעשיקט נאָך איידער די שלושים יום קודם החג, נאָך איידער דעם יום טוב פורים! ווען יעדער איז נאָך פאַרנומען מיט די משלוח מנות, איז שוין די יו. דזשעי. סי. גרייט צו העלפן יעדן תושב העיר, מיט די ווערטפולע קיופּאַנס אין אַלע געשעפטן וואָס ווערט באַנוצט אין די טעג.

מער פון אַלעם איז דער וועג וויאַזוי די קיופּאַנס ווערן געשאנקן. מיט אַזאַ דרך כבוד, מיט אַזאַ הצנע לכת, אַז מען דאַרף ניטאַמאָל גיין אָפּנעמען די קיופּאַנס, נאר דאָס ווערט אָפּגעשיקט צו יעדן אַהיים, און טאַקע גענוג צייטליך, אַז מ'זאָל קענען גוט אויסנוצן און געניסן פון די אַלע דיסקאַונטס. אין בלומינג גראוו דאַרף מען נישט אויסשרייען אַז מען איז אַ נצרך צו באַקומען אַביסל הילף, פונקט פאַרקערט, מען באַקומט די הילף נאָך איידער מען האָט בכלל געטראַכט פון די צרכי פסח, טרם יקראו ואני אענה.

צום היי - יאָריגן ערבי פסחים האָט די יו. דזשעי. סי. איבערראַשט אַלעמען ווען ס'איז אָפּגעהאַלטן געוואָרן די ערשטמאָליגע און הערליכע "מצות סעיל", וואו ס'איז פאַרקויפט געוואָרן מצות פון "אלע קהלות מצה בעקערייען" פאר דעם שפּאָט ביליגן פרייז פון 21 דאָלער אַ פונט!

די מצות פאַרקויפונג איז דורכגעפירט געוואָרן מיט'ן העכסטן אָרדענונג און מיט אַ געניטן סדר, ווען ס'איז פאַקטיש פאַרקויפט געוואָרן אַזויפיל ווי צוויי און אַהאַלב טויזנט פונט מצות פאר תושבי העיר! אַז מ'מאַכט דעם חשבון קומט דאָס אויס צו אַ סך הכל פון נאָנט צו 90 טויזנט דאָלער וואָס איז אָפּגעשפּארט געוואָרן פאַר אחבנ"י לכבוד יום טוב!

גאָר באַזונדער איז באַגריסט געוואָרן די הערליכע חלוקה פון 'פלעסטיק און פּאַפּיר גודס' און 'גרעיפ דזשוס' וואָס איז פאַרקויפט געוואָרן פאַר ריזיגע דיסקאַונטס מיט אַ געוואַלדיגע קאארדינאציע וויאזוי דער פראגראם איז איינגעשטעלט און דורכגעפירט געווארן, ווען יעדע דעטאל האט געקלאפט ווי א שווייצער זייגער, אנגעהויבן פון אריינגעבן די אפליקאציעס ביז ווען די הונדערטער באַקסעס זענען פאַרטיילט געוואָרן, שיין סארטירט און אַהערגעשטעלט, צו פארזיכערן אז יעדע תושב העיר ערהאלט אלע זיינע פארלאנגען און געברויכן אויפ'ן בעסטן און מסודר'דיגסטן פארנעם.












ווירקליך זענען בלומינגראווער איינוואוינער מלא שבח ותהלה אויף די פארשטייער פון אונזער ציבור, די טייערע עסקני העיר וועלכע אינוועסטירן שטענדיג אזויפיל פון זייער צייט און הארעוואניע צו העלפן אידישע קינדער, און האבן באזונדער יעצט געהאט דעם ריכטיגן "קאפ אויפ'ן פלאץ" צו זיין בייהילפיג צו דער רעכטער האנט פון די תושבים וועלכע האבן אצינד גענאסן פון אזעלכע רחבות'דיגע הנחות און בעניפיטן, וואס ברענגט אריין אן אמת'ע שמחת יום טוב אין די שטובער.

גאר באזונדער ווערט אויסגעדרוקט א הארציגן דאנק פאר די וואויל - בארימטע משפחת פאזן הנכבדה וועלכע זענען בייהילפיג אין די הערליכע חלוקות, לע"נ אביהם הרה"ח רבי אברהם יעקב ב"ר פנחס יודא ז"ל , געווידמעט פאר נויט -באדערפענדע פאמיליעס תושבי עירינו, ישלם ה' פעלם ותהי משכרתם שלמה מעם ה' אלקי ישראל.

**ולכל בני ישראל הי' אור במושבותם!**

# הרחבת גבולי הקדושה: ערשטע מצה בעקעריי האט זיך געעפנט די וואך פרשת תזריע אינעם ווילעדזש



פרישע מצות געבאקן צום ערשטן מאל אין בלומינג גראוו



הגה"צ אב"ד ור"מ וויזניץ שליט"א ביים אנפירן די חבורה

דעם פארגאנגענעם מיטוואך, האט זיך בשטו"מ געעפנט אויף א באשיידענעם, אבער אויף א גאר באַ'חנ'טן פארנעם די מצה בעקעריי פון קהל תורת מרדכי ד'וויזניץ.

די מצה בעקעריי ווערט אנגעפירט בראשות הגה"צ אב"ד ור"מ וויזניץ שליט"א.

עס איז געווען א הערליכע סצענע צו צוזעהן וויאזוי מצות ווערן געבאקן צום ערשטן מאל דאהי אין שטאט מיט אן ריכטיגן חסיד'ישן טעם און אן אלט פארצייטישן חן.

די מצה בעקעריי וועט בעזהשי"ת האבן חבורות, און ווי אויך וועט עס זיין אפן ערב פסח הבעל"ט, פאר חברי קהילת וויזניץ.

**ילכו מחיל אל חיל!**

# אשריכם
# ר' שמעון ישראל!

אינאיינעם מיט אלע הונדערטער איינוואוינער שפירן מיר אַלס אַ פליכט צו באַגריסן אַ

## ברכת הכרת הטוב

פון האַרצן טיפן פאר האי איש החסד, לב טוב וזהב, נהנים ממנו עצה תושי' ומעשים, מפליא
פלאות ברוב פעלים, אהוב נערץ וחביב בפי כל, ידידינו עוז, וידיד כל תושבי עירינו

# הר"ר שמעון ישראל פאזען הי"ו

**ואתו עמו בניו החשובים**

# הר"ר בערל הי"ו, הר"ר משה יושע הי"ו

**הוא הגבר, איש החסד והמעש!** וואָס שוין עטליכע יאָר טוט ערמעגליכן די וועלט באַרימטע רחבות'דיגע "חלוקות" וועלכע ווערן פאַרטיילט אין די ערבי ימים טובים, פאר אַלע תושבי העיר, און ווערן באַוואונדערט אין דער גאַנצער אידישער וועלט!

**הוא הגבר, איש החסד והמעש!** וואָס איז אויך אין די יעצטיגע ערבי פסחים געשטאַנען – אינאיינעם מיט זיינע חשוב'ע קינדער רודפי צדקה וחסד – צו באַגלייטן די הערליכע און באַשיידענע אונטערנעמונג פון דעם היי – יאָריגן מעגאַ צרכי יום טוב אויספאַרקויף

**לע"נ אביכם הרב החסיד רבי אברהם יעקב ב"ר פנחס יודא ז"ל**

**מיט דעם ריזיגן און ווערטפולן אויסוואַל פון "מצות", "פעפער גודס", "גרעיפ דזשוס", א.א.וו. וואָס האָט לעכטיג געמאַכט אידישע שטיבער מיט אַזאַ סבר פנים יפות און הצנע לכת!**

## וְעַל כֻּלָּם יִתְבָּרֵךְ וְיִתְרוֹמַם

**ידידינו עוז הר"ר שמעון ישראל שליט"א ובניו החשובים:**

# בלומינג-גראָוו וועט אייביג געדענקן אייערע הייליגע פעולות הצדקה והחסד מיט אַזאַ האַרציגע געפיל וואָס איז אומשאַצבאַר!

## שכרכם הרבה מאוד עד אין לשער!

**אֵין אֲנַחְנוּ מַסְפִּיקִין לְהוֹדוֹת לְךָ:** די אויסטערלישע זכותים וועט אייך בלי ספק אַלעמאָל באַגלייטן אַז ס'זאָל זיך תמיד גיסן ביי אייך אַ גליקליכע שפע און השפעה, מיט ברכות און הצלחה, עושר ואושר, הרחבת הדעת ומנוחת הנפש, אמן!

ווי עס וואונטשן מיט רגש'דיגע געפילן פון הכרת הטוב

## די פאַראייניגטע אידישע קהלות פון בלומינג גראָוו

**אין נאָמען פון די הונדערטער תושבי העיר וועלכע געניסן און זענען מלא הכרת הטוב פאר אייערע פעולות לטובה, להחיות בהם נפש כל חי**

United Jewish Community
Est. 2019
of Blooming Grove

## הַנּוֹתֵן
# בְּעַיִן יָפָה הוּא נוֹתֵן

בשם כל תושבי עירינו עצור במילים לא נוכל מלהביע הכרת תודתינו, ולהגיד לאדם ישרו,
**ידידינו המרומם, הרה"ח, איש אשר רוח בו, שמו מפארים, בהילולים ותוארים**

## מו"ה משה אלי' עסטרייכער הי"ו
**אַדמיניסטראַטאָר מוסדות ויואל משה דרב"י — קרית יואל**

ויהי כאשר ירים משה ידו ויאמר אלי' הננו,
והואיל בטובו למסור לנו את

# שטח הגדול
## מקום רחבת ידים

## שעל יד בנין הת"ת
## 'בנין אברהם יאַקאָבאָוויטש'

בכדי שישמש למען צרכי הציבור בערבי פסחים
דהאי שעתא ובתוכם המפעלים הנשגבים:

### חלוקה המפוארה של צרכי יו"ט להאיר בתי בני ישראל

### שריפת חמץ לכל בני השכונה בערב פסח

### ובעז"ה גם ה'ריידס' בימי חול המועד להחיות בהם נפשות ילדי צאן קדשים תושבי עירינו

**ועניינו ואמרנו שאיננו כפוי טובה**

## ישר כחכם וחילכם! חבלים נפלו לכם בנעימים
## אף שכרכם הרבה מאוד על פי פעלכם!

הנה כי כן יבורך מע"כ הי"ו, להמשיך בעבודתו הק' מתוך נחת והרחבת הדעת, להרבות פעלים לתורה ולתעודה, להרחיב גבולי הקדושה, להגדיל תורה ולהאדירה, ולהתברך משמי מעל בשפע רב והצלחה עליונה בכל מעשי ידיו לטובה ולברכה ואלף פעמים ככה.

החותמים ומברכים מתוך הכרת הטוב בשם מאות תושבי העיר

## יואל שטערן, יצחק עקשטיין
**די פאַראייניגטע אידישע קהלות אין בלומינג גראָוו**

United Jewish Community
UJC
Est. 2019
of Blooming Grove

# בית המדרש הגדול והמפואר דקהל יטב לב ד'סאטמאר עפנט אירע טויערן דעם פארגאנגענעם דינסטאג, ביום שהוקם בו המשכן

די וואך, איז פארגעקומען אן ערהאבענער מעמד חנוכת הבית און קבועת מזוזה צום ביהמ"ד החדש והגדול דקהל יטב לב ד'סאטמאר אויף 31 מעריוואלד לעין סאוט.

צו די באשטימטע צייט, איז ערשינען כ"ק מרן אדמו"ר מסאטמאר שליט"א, ובנו הגה"צ הרב שליט"א און דער דומ"ץ הקהלה שליט"א. ווי אויך זענען זיך צוזאם געקומען אנשי שלומינו, ראשי והנהלת הקהילה והמוסדות, עסקנים ואישי הציבור פון דאהי און פון איבער גרעיטאר ניו יארק.

באזונדער האבן באשיינט דעם אויבן אן די הנהגה רוחניות און דער כח התורה פון די שטאט, די רבני העיר וראשי ישיבות פון אלע קהילות און קרייזן אין בלומינג גראוו.

ווי דער רבי איז ערשינען, איז פארגעקומען דעם מסיבת לחיים און דאן איז מען צוגעגאנגען צום מעמד קביעת מזוזה.

דער בנין אדיר ומפואר, האט א היסטארישע אפטייטש, זייענדיג דער ערשטער בנין פון די "סינעגאגע" קאטעגאריע אין דעם זאונינג קאוד, וואס מען האט געארבעט אזוי שווער צו אימפלעמענטירן דא אינעם ווילעדזש, אז מען זאל קענען בויען הערליכע בנינים ומפוארים לבתי מדרשים, למען בית ה' אלוקינו.

ווי יעדער געדענקט, פאר ארום צוויי יאר צוריק, ווי עס האט געדויעדט ארום 18 מאנאטן אז די ווילעדזש זאל צום ערשט קענען איבערשרייבן דעם געזעץ, דאן איז פארגעקומען א סעריע פון פובליק הירינגס, ביז ווילאנג מען האט געקענט אדאפטירן דעם געזעץ און עס אראפשטעלן אויף קראנטע יסודות פאר די דורות הבאים עד ביאת הגואל, אז עס זאל זיין א כלי פאר הרחבת גבולי הקדושה, צו קענען בויען גרויסע בתי מדרשים, דא אין שטאט.

אינעם געזעץ איז אריין דריי סארטן קאטעגאריעס פון בתי מדרשים. צום ערשט א ביהמ"ד וואס איז אין א קאטעגאריע פון א "שטיבל", דאן איז פארהאן א גרעסערע ביהמ"ד וואס גייט אריין אין די צווייטע קאטעגאריע פון א "שול", וואס דאס איז א שטייגער ווי דער ביהמ"ד בית שמואל דקהל יטב לב אויף 1











דער מסיבת לחיים ומעמד קביעות מזוזה



די באקוועמע שוויערס



די מקוה מפוארה



דער תשמישי קדושה און מקוה געשעפט

ראנאוק דרייוו און ביהמ"ד בית יעקב דקהל יטב לב, אויף 2 דועלק עוועניו.

און צום לעצט, איז פארהאן די בתי מדרשים וואס זענען אינעם דריטן קאטעגאריע, וואס ווערט גערופן "סינעגאגע", וואס דאס באדייט א מעגא סטרוקטור געבויעט לשם ולתפארת אויף א גרעסערן פארנעם.

ווי פארשטענדליך האבן די אלע סארטן בנינים אנדערע סארטן פונקטן בנוגע פייער סעיפטי, ADA צוטריט, און נאך פילע אנדערע ענינים, וואס בכדי נישט צו באמוטשענען די קלענערע בתי מדרשים, האט מען עס אריינגעלייגט אין דריי באזונדערע קאטעגאריעס.

די פאלגענדע נייע ביהמ"ד צייכנט אפ דאס ערשטע ביהמ"ד וואס איז געבויעט געווארן אין די סארט קאטעגאריע לשם ולתפארת, אלזא איז עס א רוחניות'דיגער נחת און פרייד פאר אלע תושבי עירנו.

דער בית המדרש הגדול ומפואר איז גרויס 35 טויזנט סקווער פיס. פאלגענד, איז צום ערשט געעפנט געווארן די ערשטע פאזע פון 20 טויזנט סקווער פיס און די צווייטע פאזע וועלכע נעמט אריין דעם גרויסן היכל הביהמ"ד און די גרויסע עזרת נשים וועט געעפנט ווערן מיט די צייט, ווי עס וועט זיך אויספעלן.

אינעם ביהמ"ד איז פארהאן דריי הערליכע בורות טבילה, איבער הונדערט זיצן, און 26 שויערס, ווי אויך איז צוגעשטעלט א הערליכע "דזשודעיקא" און מקוה שטיבל, אויסגערישט מיט אלע צוגעהערן און תשמישי קדושה וואס פעלט זיך נאר אויס.

ווי אויך איז צוגעשטעלט, א ריזן קאלעקציע פון



תש"פ - דער געוועזענער בנין (לעגאל אלס א מעמבערשיפ קלאב) הערמעטיש פארשלאסן אונטער סטאפ ווארק ארדער

אלע סארטן משקאות און וויינען פאר שבתים וימים טובים, קידושים און אלע סארטן שמחות.

גלייכצייטיג דערמאנען מיר דא דעם ציבור אז מען קען שוין נוצן די יו. זשעי. סי. יום טוב קיופאנס פאר "מפואר זשודעיקא" און "קינדער שפיל"ביים געשעפט אין ביהמ"ד.

ווי דער שטייגער אין בלומינג גראוו, מיט א ברייטע וויזיע און פאראויסזעענדן בליק, האט דער פולער פלאן פאר דעם ביהמ"ד 395 פארקינג ערטער. איצטערט ביי די ערשטע פאזע, איז צוגעשטעלט 200 פארקינג ערטער, וואס ווערט אין די טעג אויסגעפלאסטערט און אזויווי עס וועט פארטיג ווערן די עלעקטריציטעט אינדרויסן ארום די ביהמ"ד, וועט ווערן פולקאם איבערגעצויגן און אנגעצייכנט די פארקינג ערטער, צו די באקוועמליכקייט פונעם עולם.

ווי אויך, ווערט געעפנט נאך אן אריינגאנג צום פארקינג לאט, וועלכע איז צו די לינקע זייט פונעם יו. דזשעי. סי. בנין.

דער בנין טראגט נאך אן היסטארישן ממשות, ווי דער עולם געדענקט, איז דער פאריגער בנין וואס איז געשטאנען אויף די פראפערטי בעפאר, געווען דער סימבאל פון די רשעות וואס איז געווארן אפגעטאן דורך די פאריגע אדמינסטראציע אונטערן מאנטל פון געזעץ, ווען זיי האבן אויסגעריסן די "האוז אוו ווארשיפ" געזעץ פונעם זאונינג קאוד, צו קענען בלאקירן פון בויען אדער אפערירן בתי מדרשים דאהי.

דער פאריגער בנין איז דאן געשטאנען וויסט און ליידיג פאר איבער דריי און אהאלב יאר, נאך וואס די פאריגע אדמיניסטראציע האט ערלויבט צו בויען מכלומר'שט נאר אויב עס איז א "קאמיוניטי מעמבערשיפ קלאב" און ווי נאר זיי האבן געזען אז מען פלאנירט צו בויען א מקוה, וואס איז עפעס וואס זיי האבן נישט ערלויבט צוליב רעליגיע, און איר פארבאט אויף שוהל'ן, האבן זיי ארויפגעלייגט א "סטאפ ווארק ארדער" אויף דעם בנין, וועלכע איז געבליבן שטיין ליידיג פאר לאנגע יארן.

אלזא, איז דאס א פרייד און א שמחה פאר אלע תושבי העיר, וואס טוען סימבאליזירן דעם גינסטיגן טויש ב"ה אין די ווילעדזש אדמינסטראציע, וואס טוט זיך רעכענען מיט רעליגיעזע איינגעלעגנהייטן.

אין די איצטיגע טעג ווערט פארטיג די פאדערשטע אריינגאנג צום בנין, וועלכע איז א פראיעקט דירעקט צוזאמען מיט'ן אויסצוברייטערן מעריוואלד לעין ביי ווירדזשיניע, ווי עס ווערט איצטערט איבערגעפלאסטערט די ראוד, וואס מען האפט צו פארטיג ווערן אין די נאנטע טעג, צום באנוץ פונעם ברייטן ציבור. ובשם ד' נעשה ונצליח!

# מצה בעקעריי דקהל יטב לב עפנט אירע טויערן ערבי פסחים

דינסטאג מצורע איז געעפנט געווארן די מצה בעקעריי דורך קהל יטב לב אויף 31 מעריוואלד לעין סאוט, צו שטיין צום דינסט פאר חברי הקהילה ותושבי העיר. ווירקליך איז די ערשטע חבורה פארגעקומען די פארגאנגענעם דינסטאג נאכט, ז' ניסן.

די בעקעריי איז צוגעשטעלט מיט אלע הידורים און באקוועמליכקייטן ווי א פולשטענדיגע און פראפעסיאנאלע מצה בעקעריי. אנגעהויבן פון די טישן, די שטיבלעך און אלע צוגעהערן, און ווי אויך א גרויסע ציגל-געמאכטע אויוועז וואס קען אפ-באקן גרויסע קוואנטומס פון מצות אויפאמאל.

די בעקעריי ווערט אנגעפירט דורך הרה"ג ר' שמואל לייטנער שליט"א דומ"ץ הקהילה.

די בעקעריי שטייט צום דינסט צו די חבורות יעדע נאכט און בעזהשי"ת ערב פסח.





דער מצה בעקעריי פולקאם צוגערישט מיט אלע צוגעהערן

# ברכת מזל טוב
## לתושבי עירינו שהשמחה במעונם

כ"ק מרן **אדמו"ר מצאנז זמיגראד** שליט"א
ולבנו
הרה"צ ר' **חיים שלמה האלבערשטאם** שליט"א
**לרגל הולדות נינו ונכדו למז"ט**
אצל נכדו/בנו הר"ר **ברוך** שליט"א

הגה"צ ר' **ישראל אלעזר האלפערן** שליט"א
אדמו"ר מקאזניץ
**לרגל אירוסי והולדות נכדו ונינו למז"ט**

הגה"צ ר' **יצחק מרדכי מייזעלס** שליט"א
אבד"ק ראדאוויץ
**לרגל נישואי נכדתו למז"ט**

הגה"צ ר' **אפרים צבי שמילאוויטש** שליט"א
אבד"ק קרעמניץ
**לרגל הולדות נכדו למז"ט**

הרה"צ ר' **יושע מרדכי לייפער** שליט"א
אדמו"ר מבאניע נאדבורנא
**לרגל נישואי בנו ובתו למז"ט**

הרה"צ ר' **אהרן דוד הורוויץ** שליט"א
אדמו"ר מזאבליטוב
**לרגל נישואי בנו למז"ט**

הרה"ג ר' **יואל האלבערשטאם** שליט"א
אבד"ק ביהמ"ד בית שמואל ד'קיט"ל ד'סאטמאר
**לרגל נישואי בתו למז"ט**

הרה"ג ר' **אלעזר טייטלבוים** שליט"א
ראה"כ תורה ויראה ד'סאטמאר -קליימער סטריט
**לרגל נישואי בתו למז"ט**

הרה"ג ר' **מנחם נתנאל יונגרייז** שליט"א
דומ"ץ ביהמ"ד בית יעקב ד'קיט"ל ד'סאטמאר
**לרגל נישואי בתו והולדות נכדתו התאומות והכנסת בנו לעוהתומ"צ**

הרה"ג ר' **חיים מאיר האגער** שליט"א
אב"ד וויזניץ בלומינג גראוו
**לרגל אירוסי בתו למז"ט**

הרה"ג ר' **יחזקאל גרינפעלד** שליט"א
ראה"כ צאנז זמיגראד
**לרגל נישואי בתו למז"ט**

**הר"ר יודל הארוויץ** שליט"א
אב"ד מעליץ בלומינג גראוו
**לרגל הולדת נכדתו למז"ט**

**הר"ר יואל מייזעלס** שליט"א
ר"מ בישיבת קאשוי
**לרגל נישואי בתו למז"ט**

**הר"ר יצחק אייזיק ראטענבערג** שליט"א
אב"ד קאזאווא
**לרגל אירוסי בנו למז"ט**

**הר"ר נתנאל מנחם דייטש** שליט"א
אב"ד פאטו
לרגל אירוסי בנו והכנסת בנו לעוהתומ"צ למז"ט

**הר"ר מאיר טייטלבוים** הי"ו
**לרגל נישואי נכדו למז"ט**

ר' **שמשון אליעזר מינץ** הי"ו
**לרגל אירוסי נכדו ונכדתו ונישואי נכדתו והולדת נינו ונכדתו ותגלחת נינו והכנסת נכדו לעוהתומ"צ למז"ט**

ר' **יודל נאה** הי"ו
**לרגל אירוסי נכדו ונכדתו והולדות נכדו ונכדתו והכנסת נכדו לעוהתומ"צ**

ר' **אברהם בער יאקאבאוויטש** הי"ו
**לרגל הולדת נכדיו והכנסת נכדו לעוהתומ"צ למז"ט**

ר' **משה דוד ווייסבערג** הי"ו
**לרגל נישואי נכדו למז"ט**

ר' **שמחה חיים סאנדל** הי"ו
**לרגל נישואי נכדיו ונכדתיו למז"ט**

**הר"ר שמואל הערש ווייס** הי"ו
**לרגל הולדת נכדו ונכדתו ותגלחת נכדו למז"ט**

ר' **מענדל הכהן ראזענבערג** הי"ו
**לרגל הולדת נכדו למז"ט**

ר' **יוסף דוד פיינגאלד** הי"ו
**לרגל הולדת נכדו למז"ט**

ר' **שלמה אפרים סאנדעל** הי"ו
**לרגל הולדת נכדיו ונכדתו למז"ט**

ר' **ישראל שלמה פריעדלענדער** הי"ו
**לרגל הולדת נכדו ואירוסי בתו למז"ט**

ר' **יואל וואגשאהל** הי"ו
**לרגל הולדת בנו ונכדו ואירוסי בנו למז"ט**

ר' **משה קרויס** הי"ו
**לרגל הולדות נכדו למז"ט**

ר' **דניאל שאלילאף** הי"ו
**לרגל הולדות נכדו למז"ט**

ר' **עזרא אלימלך בלום** הי"ו
**לרגל הולדת נכדו למז"ט**

ר' **שלמה יקותיאל הערשקאוויטש** הי"ו
**לרגל הולדת נכדו ונישואי בנו למז"ט**

ר' **יוסף גאנץ** הי"ו
**לרגל הולדת נכדו ונישואי בתו למז"ט**

ר' **חיים גליק** הי"ו
**לרגל הולדת נכדתו ותגלחת נכדו ואירוסי בתו למז"ט**

ר' **יואל ברוין** הי"ו
**לרגל הולדת נכדתו למז"ט**

ר' **ישראל קעללער** הי"ו
**לרגל הולדת נכדתו למז"ט**

ר' **יואל סאאל** הי"ו
לרגל הולדת נכדתו למז"ט

ר' **אהרן מאנדל** הי"ו
לרגל הולדת נכדתו למז"ט

ר' **אלעזר גרובער** הי"ו
לרגל הולדת בנו ונכדו למז"ט

ר' **אלעזר ווייס** הי"ו
לרגל הכנסת נכדו לעוהותומ"צ

ר' **דוד ווייס** הי"ו
לרגל הכנסת נכדו לעוהותומ"צ

ר' **דוד משה בערקאוויטש** הי"ו
לרגל הכנסת נכדו לעוהותומ"צ

*

ר' **שמעון ישראל פאזען** הי"ו
לרגל אירוסי בנו למז"ט

ר' **אהרן יוסף פערל** הי"ו
לרגל אירוסי בנו למז"ט

ר' **שמואל זאב לאנדא** הי"ו
לרגל אירוסי בנו למז"ט

ר' **נחום יואל שטערנפעלד** הי"ו
לרגל אירוסי בנו למז"ט

ר' **אפרים זעלקאוויטש** הי"ו
לרגל אירוסי בנו למז"ט

*

**הר"ר יצחק אייזיק מערמעלשטיין** הי"ו
לרגל אירוסי בתו למז"ט

ר' **משה יואל פעקעטע** הי"ו
לרגל אירוסי בתו למז"ט

ר' **ברוך שטעסל** הי"ו
לרגל אירוסי בתו למז"ט

ר' **יואל אבערלענדאר** הי"ו
לרגל אירוסי בתו למז"ט

ר' **יהוסף שווארץ** הי"ו
לרגל אירוסי בתו למז"ט

*

**הר"ר בערל מרגליות** הי"ו
לרגל נישואי בנו למז"ט

**הר"ר אהרן שלמה מארגענשטערן**
הי"ו
לרגל נישואי בנו ואירוסי בתו למז"ט

ר' **שמואל ברוך קאהן** הי"ו
לרגל נישואי בנו למז"ט

ר' **שמואל יצחק שפיצער** הי"ו
לרגל נישואי בנו למז"ט

ר' **זלמן לייב טייטלבוים** הי"ו
לרגל נישואי בנו למז"ט

ר' **שלמה נתן נטע מארקאוויטש**
הי"ו לרגל נישואי בנו למז"ט

ר' **משה קרויס** הי"ו
לרגל נישואי בנו למז"ט

ר' **שמעון יואל שטעסל** הי"ו
לרגל נישואי בנו למז"ט

ר' **יוסף לעווי** הי"ו
לרגל נישואי בנו למז"ט

ר' **אברהם שמחה געלב** הי"ו
לרגל נישואי בנו למז"ט

ר' **עמרם נתן פעלבערבוים** הי"ו
לרגל נישואי בנו למז"ט

ר' **עזרא אלימלך בלום** הי"ו
לרגל נישואי בנו למז"ט

ר' **ציון עובדי' מאסרי** הי"ו
לרגל נישואי בנו למז"ט

ר' **לייב הערשקאוויטש** הי"ו
לרגל נישואי בנו למז"ט

ר' **יואל סאאל** הי"ו
לרגל נישואי בנו למז"ט

ר' **יצחק שווארטץ** הי"ו
לרגל נישואי בנו ובתו למז"ט

ר' **יצחק אייזיק שניטצלער** הי"ו
לרגל נישואי בנו ובתו למז"ט

*

ר' **יואל אלכסנדר שטערן** הי"ו
לרגל נישואי בתו למז"ט

ר' **יוסף גאטהערער** הי"ו
לרגל נישואי בתו למז"ט

ר' **גדלי' אפפעל** הי"ו
לרגל נישואי בתו למז"ט

ר' **משה מנחם הורוויץ** הי"ו
לרגל נישואי בתו למז"ט

ר' **יקותיאל שמשון שווארץ** הי"ו
לרגל נישואי בתו למז"ט

ר' **יואל פריעדמאן** הי"ו
לרגל נישואי בתו למז"ט

ר' **יהושע עזריאל גאלדמאן** הי"ו
לרגל נישואי בתו למז"ט

ר' **יודא לייבוש אייזנער** הי"ו
לרגל נישואי בתו והכנסת בנו
לעוהותומ"צ למז"ט

ר' **נחום רייז** הי"ו
לרגל נישואיו למז"ט

*

**הר"ר ברוך האלבערשטאם** הי"ו
לרגל הולדת בנו למז"ט

ר' **דוד מאיר בערקאוויטש** הי"ו
לרגל הולדת בנו למז"ט

ר' **שלום יודא ווייס** הי"ו
לרגל הולדת בנו למז"ט

ר' **שמעי' שפיצער** הי"ו
לרגל הולדת בנו למז"ט

ר' **יונה רוב** הי"ו
לרגל הולדת בנו למז"ט

ר' **משה מנחם פאלקאוויטש** הי"ו
לרגל הולדת בנו למז"ט

ר' **שלמה יואל וויינשטאק** הי"ו
לרגל הולדת בנו למז"ט

ר' **אלעזר מערמעלשטיין** הי"ו
לרגל הולדת בנו למז"ט

ר' **אהרן קליין** הי"ו
לרגל הולדת בנו למז"ט

ר' **שלום דוב פריעד** הי"ו
לרגל הולדת בנו למז"ט

ר' **יוסף אלי' האראוויטץ** הי"ו
לרגל הולדת בנו למז"ט

ר' **יואל הכהן קאהן** הי"ו
לרגל הולדת בנו למז"ט

ר' **יואל קויפמאן** הי"ו
לרגל הולדת בנו למז"ט

ר' **שמואל זלמן ברייער** הי"ו
לרגל הולדת בנו למז"ט

ר' **יואל וואלדמאן** הי"ו
לרגל הולדת בנו למז"ט

ר' **יואל שערה** הי"ו
לרגל הולדת בנו למז"ט

ר' **אברהם עביר לעבאוויטש** הי"ו
לרגל הולדת בנו למז"ט

ר' **יודל פיינגאלד** הי"ו
לרגל הולדת בנו למז"ט

**ר' יצחק פנחס ווייסמאנדל הי"ו**
לרגל הולדת בנו למז"ט

**ר' ארי' הערשקאוויטש הי"ו**
לרגל הולדת בנו למז"ט

**ר' מרדכי יצחק בלום הי"ו**
לרגל הולדת בנו למז"ט

**ר' אברהם לאקס הי"ו**
לרגל הולדת בנו למז"ט

**ר' דוד זיכערמאן הי"ו**
לרגל הולדת בנו למז"ט

**ר' לייבוש פארקאש הי"ו**
לרגל הולדת בנו למז"ט

**ר' ישעי' בראך הי"ו**
לרגל הולדת בנו למז"ט

**ר' משה פישער הי"ו**
לרגל הולדת בנו למז"ט

**ר' לייבל הערשקאוויטש הי"ו**
לרגל הולדת בנו למז"ט

**ר' יעקב יצחק גאלד הי"ו**
לרגל הולדת בנו למז"ט

**ר' נחום יאקאבאוויטש הי"ו**
לרגל הולדת בנו למז"ט

**ר' יודל ציממערמאן הי"ו**
לרגל הולדת בנו למז"ט

**ר' יואל גרובער הי"ו**
לרגל הולדת בנו למז"ט

**ר' יואל אבערלאנדער הי"ו**
לרגל הולדת בנו למז"ט

**ר' יוסף בעריש טויב הי"ו**
לרגל הולדת בנו למז"ט

*

**הר"ר אפרים אשר פאללאק הי"ו**
לרגל הולדת בתו למז"ט

**ר' שמואל אליעזר אילאוויטש הי"ו**
לרגל הולדת בתו למז"ט

**ר' אברהם בנימין שפירא הי"ו**
לרגל הולדת בתו למז"ט

**ר' מאיר שמואל היימליך הי"ו**
לרגל הולדת בתו למז"ט

**ר' יצחק אליעזר רובינשטיין הי"ו**
לרגל הולדת בתו למז"ט

**ר' נחום חיים שווארץ הי"ו**
לרגל הולדת בתו למז"ט

**ר' יצחק פנחס עסטרייכער הי"ו**
לרגל הולדת בתו למז"ט

**ר' יעקב יצחק קעסטענבוים הי"ו**
לרגל הולדת בתו למז"ט

**ר' משה דוד פערענץ הי"ו**
לרגל הולדת בתו למז"ט

**ר' ישראל ניימאן הי"ו**
לרגל הולדת בתו למז"ט

**ר' יואל ברי"מ גאלדשטיין הי"ו**
לרגל הולדת בתו למז"ט

**ר' אפרים יושע האלפערט הי"ו**
לרגל הולדת בתו למז"ט

**ר' יואל פריעדמאן הי"ו**
לרגל הולדת בתו למז"ט

**ר' שמעון מרדכי קופטשיק הי"ו**
לרגל הולדת בתו למז"ט

**ר' יואל קארנבלי הי"ו**
לרגל הולדת בתו למז"ט

**ר' בערל גלויבער הי"ו**
לרגל הולדת בתו למז"ט

**ר' משה ארי' ג'ברא הי"ו**
לרגל הולדת בתו למז"ט

**ר' יואל שמילאוויטש הי"ו**
לרגל הולדת בתו למז"ט

**ר' שמעון ניישטאדט הי"ו**
לרגל הולדת בתו למז"ט

**ר' לייבל קופטשיק הי"ו**
לרגל הולדת בתו למז"ט

**ר' זאב פאזנער הי"ו**
לרגל הולדת בתו למז"ט

**ר' מנחם מענדל סאמעט הי"ו**
לרגל הולדת בתו למז"ט

**ר' יוחנן האכהייזער הי"ו**
לרגל הולדת בתו למז"ט

**ר' שמואל איינהורן הי"ו**
לרגל הולדת בתו והכנסת בנו
לעוהתומ"צ למז"ט

*

**הה"ג ר' מאיר שמילאוויטש הי"ו**
לרגל הכנסת בנו לעוהתומ"צ

**ר' יושע אלימלך ביטמאן הי"ו**
לרגל הכנסת בנו לעוהתומ"צ

**ר' שלמה ווייס הי"ו**
לרגל הכנסת בנו לעוהתומ"צ

**ר' יואל טייטלבוים הי"ו**
לרגל הכנסת בנו לעוהתומ"צ

**ר' אלי' לאנדא הי"ו**
לרגל הכנסת בנו לעוהתומ"צ

**ר' וועלוול גאלדמאן הי"ו**
לרגל הכנסת בנו לעוהתומ"צ

**ר' נתן קרפיל מרגליות הי"ו**
לרגל הכנסת בנו לעוהתומ"צ

**ר' אלימלך הלל הערשקאוויטש הי"ו**
לרגל הכנסת בנו לעוהתומ"צ

**ר' יעקב ליכטענשטיין הי"ו**
לרגל הכנסת בנו לעוהתומ"צ

**ר' יואל רובינשטיין הי"ו**
לרגל הכנסת בנו לעוהתומ"צ

**ר' ישראל שלום גוטמאן הי"ו**
לרגל הכנסת בנו לעוהתומ"צ

**ר' יואל הירש הי"ו**
לרגל הכנסת בנו לעוהתומ"צ

**ר' חיים שלום מערמעלשטיין הי"ו**
לרגל הכנסת בנו לעוהתומ"צ

**ר' יואל בערקאוויטש הי"ו**
לרגל הכנסת בנו לעוהתומ"צ

*

**ר' מענדל מאיר ווייס הי"ו**
לרגל תגלחת בנו למז"ט

**ר' חנוך זונדל שווארץ הי"ו**
לרגל תגלחת בנו למז"ט

**ר' אשר אנשיל עקשטיין הי"ו**
לרגל תגלחת בנו למז"ט

**ר' אברהם שלמה ווייס הי"ו**
לרגל תגלחת בנו למז"ט

**ר' אליעזר שווימער הי"ו**
לרגל תגלחת בנו למז"ט

**ר' אהרן שפירא הי"ו**
לרגל תגלחת בנו למז"ט

יזכו כולם לראות
רב נחת דקדושה
מתוך הרחבת
הדעת

# ברוכים הבאים

מקבלים בזה מע"כ
אנ"ש לרגל בואם
להשתקע בעירנו

**ר' פישל ראבינאוויטש** הי"ו
בן הר"ר **אברהם** • חתן הרה"ג ר' **יואל מייזעלס**

**ר' יצחק בנימין מענדלאוויטש** הי"ו
בן הר"ר **אשר מרדכי אהרן** • חתן הרה"ג ר' **יואל מייזעלס**

**ר' יצחק צבי וויינבערגער** הי"ו
בן הר"ר **שמואל לוי יואל** • חתן הרה"ג ר' **יואל מייזעלס**

**ר' יוסף מענדל האס** הי"ו
בן הר"ר **חיים משה** • חתן הרה"ג ר' **מנחם נתנאל יונגרייז**
**דומ"ץ בית יעקב דקיט"ל דסאטמאר**

**ר' יואל חיים הורוויץ** הי"ו
בן הר"ר **יודל ממעליץ** • חתן הר"ר **משה אלי' היימליך**

**ר' ישעי' שנעעבאלג** הי"ו
בן הר"ר **דוד צבי** • חתן הרה"צ ר' **יושע מרדכי לייפער מבאניע**

**ר' אלעזר ארי' רובין** הי"ו
ב"ר **יואל** • חתן הרה"צ ר' **יושע מרדכי לייפער מבאניע**

**ר' יהודה צימערמאן** הי"ו
ב"ר **חיים** • חתן ר' **חיים דוד ניישטאדט**

**ר' אברהם שטערן** הי"ו
ב"ר **משה יצחק** • חתן ר' **יואל פריעדמאן**

**ר' אלחנן ווייס** הי"ו
ב"ר **דוד** • חתן ר' **נחמי' קרויס (טאהש)**

**ר' ישראל ניימאן** הי"ו
ב"ר **יצחק אייזיק** • חתן ר' **אברהם יעקב פריינד**

**ר' שמעון משה חיים זילבערשטיין** הי"ו
ב"ר **שלמה** • חתן ר' **משה ניסן ראזענבערג**

**ר' משה וויינבערגער** הי"ו
ב"ר **יצחק** • חתן ר' **יואל קרויס**

**ר' יחיאל שטיינמעטץ** הי"ו
ב"ר **יעקב יצחק** • חתן ר' **שמעלקא קליין**

**ר' דוד זכרי' פערלמאן** הי"ו
ב"ר **מרדכי** • חתן ר' **יודא לייב קליין**

**ר' שלמה ברוך וויטריאל** הי"ו
ב"ר **יונה** • חתן ר' **משה ארי' פריינד**

**ר' יהושע עזריאל גאלדמאן** הי"ו
ב"ר **ישראל** • חתן ר' **משה גרינבערגער**

**ר' יעקב גערטנער**
ב"ר **נח** • חתן ר' **שאול יצחק כהן**

**ר' הערשל שפיצער** הי"ו
ב"ר **נחום מרדכי** • חתן ר' **ישעי' פיש**

**ר' הערשל בערגשטיין** הי"ו
ב"ר **יעקב** • חתן ר' **שמעון מאיר טירנויער**

**ר' שלום סאמעט** הי"ו
ב"ר **שמעון** • חתן הר"ר **יצחק אייזיק מערמעלשטיין**

**ר' אהרן פאללאק** הי"ו
ב"ר **משה יודא** • חתן ר' **מרדכי אלי' מארקאוויטש**

**ר' אהרן קיש** הי"ו
ב"ר **יואל** • חתן ר' **יואל אלכסדר שטערן**

**ר' דוד טייטלבוים** הי"ו
בן הר"ר **משה אהרן טייטלבוים מלאפאש** • חתן ר' **יוסף גאנץ**

**ר' שמואל אינדיג** הי"ו
ב"ר **חנני' אינדיג** • חתן ר' **אפרים רובין**

**ר' אהרן שטערן** הי"ו
ב"ר **חיים הערש** • חתן ר' **אלי' חיים איצקאוויטש (סקווירא)**

**ר' שלום פירטה** הי"ו
ב"ר **הערשל** • חתן ר' **יודא לייבוש אייזנער**

**ר' יואל קעלנער** הי"ו
ב"ר **אברהם** • חתן ר' **אברהם מאנדל**

**ר' יוסף בעריש טויב** הי"ו
ב"ר **יצחק מאיר** • חתן ר' **אברהם ראטטענבערג**

**ר' יושע העשיל וואגשאהל** הי"ו
ב"ר **דוד** • חתן ר' **יואל פריעדלענדער**

**ר' נחום צבי ארי' שטערנפעלד** הי"ו
ב"ר **יושע** - וחתן ר' **שמעון סאמעט**

**ר' נתנאל לורינץ** הי"ו
ב"ר **שמואל** • חתן ר' **משה גרינבערגער**

**ר' משה ארי' גאלדשטיין** הי"ו
ב"ר **יצחק** • חתן ר' **חיים שמעון מאיר טירנויער**

בס"ד

United Jewish Community
Est. 2019
of Blooming Grove

# בָּחַרְתִּי בְעִיר מִכֹּל שִׁבְטֵי יִשְׂרָאֵל לִבְנוֹת בַּיִת לִהְיוֹת שְׁמִי שָׁם

שמחתי באומרים לי בית ה׳ נלך, ובכן לו הכל יכתירו, להנחיל אוהבי יש ולהביע רננות בעד מפעליו העצומות של האי איש חמודות נשיא פנים בתוכינו בהדרים, נהנים ממנו עצה תושי׳ ומעשים, מפליא פלאות ברוב פעלים, עומד על משמרתו על הפקודים, בריח התיכון ורוח החיים

**הרבני החסיד הנכבד והמפואר, ראשון הוא למקראי קודש,**
**בונה ומקים עולמות של תורה ותפלה**

הרה״ח מו״ה
# אברהם בער יאקאבאוויטש
שליט״א

**מעמודי התוך למען כל קדשי עירינו המעטירה בלב ונפש חפיצה**

ביחד עם נו״ב החשובה שתחי׳ ובניו החשובים כשתולי זתים
רודפי צדקה וחסד והולכים בדרכי אביהם הי״ו

כרחמיו וכרוב חסדיו הגדיל לנו, והגענו לזמן הזה, כאשר זכה בעים רוחו לחדש ולהאיר תוספות אורה וברכה בתוככי עירינו המעטירה, ואז גמר בשיר מזמור עת שערי רחמים לפתוח לחנך ולכונן מבצר הכביר לתורה עבודה וגמ״ח, בית נכון ונשא, תל תלפיות

## בית המדרש הגדול החדש האדיר בנין יאקאבאוויטש
## ד׳קהל ישב לב ד׳סאטמאר - מעריוואלד

---

**אשר נתחנך בשיר וקול תורה ביום זה מכובד מכל הימים, ראש חודש ניסן העעל״ט, ואותו היום נטל עשר עטרות, בחנוכת בנין האדיר מגדל אור לכל בני העיר, וְכָל הָעָם הֵרִיעוּ תְרוּעָה גְדוֹלָה בְּהַלֵּל עַל הוּסַד בֵּית ה׳!**

---

**אכן גדול ונשגב היא הבית הזה לה׳, כלילת יופי משוש כל העיר, עומד על תילה בנוי׳ לתפארת והתרוממות קרן עירינו המעטירה, ורוח הקודש אומרת כן ירבה וכן יפרוץ, תּוּבַלְנָה בִּשְׂמָחֹת וָגִיל תְּבֹאֶינָה בְּהֵיכַל מֶלֶךְ!**
**שְׂאוּ שְׁעָרִים רָאשֵׁיכֶם וְהִנָּשְׂאוּ פִּתְחֵי עוֹלָם וְיָבוֹא מֶלֶךְ הַכָּבוֹד!**

וזאת הברכה, מאלקי המערכה, יוסיף לו ה׳ ככה, אך טוב וחסד ישכון באהלו לרוב, ובזכות פעליו ונדבותיו להגדיל תורה ולהאדירה וזכות רביה״ק זי״ע מייסד הקהלה והעיר יגן עליו, שתשרה שכינה במעשה ידיו כל הימים, להניח ברכת ה׳ בתוך ביתו, וכל מי שמייחדים בתי כנסיות לתפלה הקב״ה ישלם שכרם, עדי נזכה לישועתן של ישראל ועתידין בתי כנסיות ובתי מדרשות להקבע בירושלים בב״א

המברכים מעומק הלב מתוך הכרת הטוב
**די פֿאַראייניגטע אידישע קהלות פון בלומינג גראָוו**
בשם כל בני העיר המוקירים פעולותיו הברוכות למענינו

יְמִין ה׳ רוֹמֵמָה
יְמִין ה׳ עֹשָׂה חָיִל!

ולעת כזאת מחובותינו להגיד לאדם ישרו, בהכרת הטובה מעומק הלב פנימה על חסדו ופעלו הרוממה

**אשר השליך נפשו מנגד זה ימים ימימה, ומראשית כזאת הודעת בעמדו תדיר לימין כל קדשי עירינו בעצה ותושי׳, ובמיוחד כאשר הקים וכונן בנין הכביר בטיבורה של העיר, למען צרכי הציבור ולמען הצלת נפשות ישראל, העומד ומשמש על תילה מאז ועד עתה הודות לפעלו ונדבתו הנדיבה!**

לעולם נזכור לו חסדו מה שפעל ועשה לבנות את הבנין המפואר ממסד ועד הטפחות, בכדי להיות בה אכסני׳ נכבדה לכל פעולות הנמרצות של התרוממות קרן עירינו המעטירה ולהקים עתידתינו בעזרה ובתבונה, במעש ופעולה.

**ובכן הגיע הזמן לומר שירה, כותלי הבנין יוכיחו לתפארה, לענוד לו כבוד ועטרה, בהוד ויקרה**

**אשרי לו וחלקו, הוד והדר פעלו, צדקתו עומדת לעד!**

בלומינג גראוו

# באריכט

נייעס
אפדעיטס
אינפארמאציע

BLOOMING GROVE REPORT

Apr '24 | ניסן תשפ"ד

## פאָרשריט צו פאַרגרעסערן די קוואַנטום פון די וואַסער סיסטעמען

## באַלאַנסירטע 'ווילעדזש בודזשעט' צום יאָר '24 למספרם באַשטעטיגט

## לאנג ערוואַרטעטע און פאַרצווייגטער 'סועדזש פאַררעכטונג' מולטי – פּראָיעקט ערגענצט מיט ערפאָלג

## "קינדערלאנד" פארק פארענדיגט און גרייט צום באנוץ

## ווילעדזש באעהרט מיט ספעציעלע "קאנגרעסיאנאלע אווארד" ביי ערהאבענע חנוכת הבית צערעמאניע ביי די סטאונגעיט ביזנעס צענטער

## ווילעדזש פייער דעפּאַרטמענט אריין אין קאָנטראַקט אויף נייע פאָרגעשריטענע ענדזשין-פאמפער טראָק



# פייער דיסטריקט אַפּעלירט קעיס איבער אַריינגאַנג צום פייער הויז



די פייער דיסטריקט האט אריינגעגעבן אן אפיעל, נאך וואס זי האט פארלוירן דעם לעצטע זוממער א קאורט קעיס צו די ווילעדזש, איבער דאס באניצונג פון די אריינגאנג צום פייער הויז, וועלכע לויפט אצינד דורך ווילעדזש פראפערטי.

דאָס געריכט, האט דאן געאורטיילט אז די פייער דיסטריקט האט נישט קיין שום בעלות אויף די יעצטיגער אריינגאנג צום פייער הויז, און זייער לעגאלע בעלות איז נאר אויף די אריינגאנג וועלכע איז צווישן רעפיד קעיר מעדיקעל צענטער און די וואסער סטאנציע אויף לעיק שאור דרייוו און נישט דורך די ווילעדזש האל.

אין רעאַקציע האָט די פייער דיסטריקט אריינגעשיקט אן אפיעל צום געריכט, צו ווידער אויסהערן זייערע טענות אויף וואָס די ווילעדזש פלאנט צו ענטפערן אין די קומענדיגע טעג.

# ווילעדזש פירט דורך 'דרעינידזש' פארריכטונגען אויף לעיק שאור דרייוו



אין אַ וויכטיגן אונטערנעמונג האָט די ווילעדזש דורכגעפירט דרעינידזש פארריכטונגען אויף די לעיק שאור גאס ביי מעריוואלד לעין נאורט, ווי אין עטליכע אינצידענטן זענען די דרעיניזדש ליניעס ארויפגעקומען, פארשוועמענדיג געוויסע פראפערטיס.

אַלס טייל פון דעם פּראָיעקט האט די ווילעדזש פארראכטן די אלע דרעינידזש סיסטעמען, צו די צופרידנהייט פון די איינוואוינער פון אלע פראפערטיס, וועלכע זענען געווארן אפעקטירט.

# ווילעדזש 'פובליק וואָרקס' רענאָווירט וואסער סערוויס ראָודס



ביים אָנהויב פון די ווינטער מאָנאַטן האָט די ווילעדזש פובליק ווארקס דעפארטמענט רענאווירט די סערוויס ראודס וועלכע פירן צו די וואסער סיסטעמען אויף מענזשין ראוד און פענסילוועניע עוועניו, צו פארזיכערן אז די ראודס זענען אויסגעפלאסטערט און האבן פולע צוטריט צו יעדער צייט, ספעציעל אין די ווינטער חדשים דורכאויס די שנייען.

די ווילעדזש האט אויך פארראכטן די וואסער און דרעינידזש אפלויף וואס פליסט אראפ פון די ראודס, צו פארזיכערן אז עס ברענגט נישט קיין פראבלעמען אינעם צוקונפט.

די פאנדינג פאר די פראיעקט, איז נישט געפאלן אויף די שטייער-צאלער, נאר עס איז געדעקט געוואָרן  דורך א באצאלונג וועלכע די ווילעדזש האט באקומען פון די פעדעראלע עמורדזשענסי מענעדזשמענט אגענטור (פימא), פאר שאדנס וואס די ווילעדזש האט געליטן פון די פארגאנגענע האריקעין איידא.

# סי-די-אר-סי גיבט גרינעם ליכט פאר 'סיניאר צענטער' פּראָיעקט אויף רט. 208



די נייע סיניאר צענטער פראיעקט אויף רוט. 208, ביים ווינקל פון מאונטען ראוד האָט ערהאַלטן דעם גרינעם ליכט פון די סי. די. אר. סי, צו גיין ווייטער צום קומענדיגער שטאפל און אריינגעבן א פארמאלע סייט פלאן אפליקאציע צום ווילעדזש פלענינג באורד.

די פראיעקט, איז געפלאנט געבויעט צו ווערן אויף פראפערטי וועלכע געפינט זיך דאהי אין בלומינג גראוו און באלאנגט צום טאון און פאלם טרי.

דער סייט פלען שטעלט פאר א געביידע פון ארום 12 טויזנט סקווער-פיס פער שטאק, אויף צוויי שטאקן, ווי אויך 130 פארקינג ערטער פאר באזוכער און שטאב, אויסגעשפרייט אויף 3.4 אקער- לאנד און צוויי זעלבסטשטענדיגע קוועלער און א סעפטיק סיסטעם פאר אפלויף.

די בילדינג דעפארטמענט ערווארט אצינד די בילדינג פערמיט אפליקאציעס.

# ראַונד היל בריק איבערבוי פּראָיעקט פולקאָם פאַרענדיגט



די ראונד-היל ראוד צווישן רוט 802 און פראספעקט ראוד, איז שוין פולקאם צוריק געעפנט געווארן, נאך וואס מען האט דורכגעפירט עמורדזשענסי קאנסטרוקציע, פון גענצליך איבערבויען דעם בריק וועלכע לויפט אריבער די סעטערלי קריק.

די קאנסטרוקציע פראיעקט איז געווארן אינטערגענומען דורך די אראנדזש קאונטי פובליק ווארקס אינאיינעם מיט די טאון און בלומינג גראוו אינזשענירן דעם פארגאנגענעם אוגוסט, נאך וואס די בריק איז שטארק געשעדיגט געווארן אין די לעצטערע יארן פון שווערע שטורעמס, ספעציעל פון האריקעין איידא, וועלכע האט באטראפן די קאונטי מיט ארום דריי יאר צוריק, ווען עס איז אפעקטירט געווארן די שטארקייט פונעם בריק שאפנדיג אבאלדיג סעיפטי געפאר.

די ארבעט האט זיך געצויגן אביסל לענגער ווי ערווארטעט אָבער ענדגילטיג איז דער פראיעקט פולקאם ערגענצט געווארן און די בריק איז איבערגעבויעט געווארן שטערקער און בעסער פאר דעם צוקונפט.

דער נייער בריק האט ברייטערע שאולדערס ווי פריער, ווי אויך האט מען אביסל גענויגט דעם גאטונג פונעם בריק עס זאל פארגרינגערן דעם דריי אויפן ראוד פאר די דרייווערס.

### נאָך צוויי יאָר פון נישט העכערן קיין דאָלער טעקס:

# באַלאַנסירטע 'ווילעדזש בודזשעט' צום יאָר '24 למספרם באַשטעטיגט

## שטייגענדע אויסגאַבן און אויסגעברייטערטע ווילעדזש סערוויסעס צווינגט מינימאַלע העכערונג

די פארגאנגענע וואך האט דער ווילעדזש באָורד אדאפטירט דעם נייעם העכסט באַלאַנסירטן בודזשעט פאר דעם קומענדיגן יאר 2024 למספרם.

ווי די איינוואוינער האָבן עס מיטגעהאַלטן פון דערנאָנט, האָט מען אין די פאַרלאָפענע דריי יאָר, זינט דער ווילעדזש איז איבערגענומען געוואָרן דורך די נייע פריינטליכע אַדמיניסטראַציע, באַוויזן דאָס אומגלויבליכע ווען טראָץ די דראַמאַטישע יקרות און אינפלאַציע וואָס פרייזן זענען צען - פאַכיג געשפרינגען פאר אַלע ערליי סערוויסעס און אַרבעט, האָט מען אין לויף פון עטליכע יאָר נישט געהעכערט די טעקסעס אפילו מיט איין איינציגע צענט, נעמענדיג אין באַטראַכט די אינטערעסן פון די טעקס צאָלער.

אָבער ווי ס'איז זעלבסט פאַרשטענדליך, איז געווען קלאָר אַז ס'איז איינפאַך אוממעגליך צו פאַרבלייבן מיט די אַלע 'בעפאָר קאָוויד' ראַטעס, אין אַ צייט וואָס די אויסגאַבן גייען בלויז באַרג אַרויף און די סערוויסעס פונעם ווילעדזש ברייטערן זיך אויס אויף אַלע פראָנטן.

ווי יעדער פאַרשטייט איז דאָס מציאות אַז אפילו די געווענליכע ווילעדזש אויסגאבן, וואָס מען נוצט נישט מער פון די פארגאנגענע יארן, צום ביישפיל רוי-מאטריאל, גאז, עקוויפמענט און געצייג, א.א.וו. טוט דאָס אָבער שווער אפעקטירן דעם בודזשעט מיט די שטייגנדע פרייזן און העכערע קאסטן צוליב די עקאנאמישע אינפלאציע אויף טאג טעגליכע אויסגאַבן.

דאָס איז אין צוגאָב צו די נאָכאַנאַנדע סערוויסעס און אויסגאַבן מיט וואָס די ווילעדזש ווירטשאַפט ברייטערט זיך אויס אויף אַלע אַספעקטן, אַריינגערעכנט אויך דער 'שאָטל סערוויס' וועלכע איז אריין די פארגאנגענע יאר אין באַנוץ, אַלס אַן אויסטערלישע טאָג טעגליכע הילף פאר די איינוואוינער וועלכע דערקוויקן זיך מיט די גענייטע סערוויס רעגלסמעסיג, אָבער דערווייל ווערט די שאָטל נישט פינאַנצירט דורך רעגירונג גרענטס, אַזוי אַרום אַז דאָס פאַלט זייער שווער אויף דעם 'ווילעדזש' בודזשעט.

נאָך לאַנגע מאָנאַטן פון פאַרהאַנדלונגען און בודזשעטינג האָט דער 'ווילעדזש באָורד' דעריבער באַשטימט אַ מינימאַלע העכערונג, נאָכדעם וואָס דער ווילעדזש אָוו סאַוט בלומינג גראָוו איז פאַקטיש געווען די סאַמע איינציגסטע ווילעדזש אין דעם גאַנצן ראַיאָן וואָס האָט נישט געהעכערט קיין שטייער אין די פאַרלאָפענע יאָרן.

באַזונדער איז מען געווען געצווינגען אויך צו העכערן דעם 'סועדזש פאָנד', צוליב די פילע סוער-מעין ברעיקס וואס טוען מער אפט פאסירן אין די ווילעדזש, אַדאַנק די פאַרעלטערטע ליניעס, אויף וואס די ווילעדזש ארבעט שוין אין די לעצטערע שטיק צייט צו רענאווירן און ערזעצן מיט נייע ליניעס, מיט דער הילף פון רעגירונג גרענטס, וואָס וועט האָפנטליך שטאַרק אַראָפּברענגען די אויסגאַבן אַז ס'זאָל נישט כסדר אַריינציען אין אַזעלכע גרויסע געלטער.

גלייכצייטיג האָט די לאָקאַלע 'טאַון' געהעכערט די טאון שטייער, פאר די אויסגאבן פון די 'הייוועי פאָנדס' און פאליציי קאסטן. אויך פילע אַרומיגע טאַונס און מוניציפּאַליטעטן האָבן געהעכערט שטייערן.

די פּאָזיטיווע נייעס איז אַז די 'ווילעדזש באָורד' ערוואַרטעט צו ערהאַלטן די 'פאנדינג' פאר דעם 'שאָטל באָס', וואָס וועט האָפנטליך אָנקומען אין דער נאָנטער תקופה, און דאָס וועט זיין אַ שטאַרקע הילף צו רעדוצירן דעם בודזשעט. דאָס זעלבע אַרבעטן די ווילעדזש באאמטע אויף נאָך פראָנטן צו ערלעדיגן די מאַקסימום פאָנדס און גרענטס פון לאָקאַלע און פעדעראַלע רעגירונגען, פאר די אינטערעסן און פינאַנציעלע סטאַביליטעט פון די ווילעדזש איינוואוינער.


ביטע טעקסט צו:
845.782.2600
אייער סעל נומער

זייט אינפארמירט!
זיך אויפצוסיינען צו באקומען די ווילעדזש טעקסט און טעלעפאן אלערטס און אפדעיטס

# 'ווילעדזש אָוו סאַוט בלומינג גראוו' פּאָמפּט ארויס מיליאָנען גאַלאָן וואַסער פון 'מעריוואלד לעיק' בעפאָר שניי שטורעם



אין אַ באגריסנדן שריט, האָט די ווילעדזש דורכגעפירט אַ וויכטיגע פּראָיעקט איידער מען האָט זיך געריישט אויף דעם ערשטן גרויסן שניי שטורעם פון דעם ווינטער, ווען ס'איז געברענגט געוואָרן אַ 'פּאָמפּ', צו אַרויסנעמען מיליאָנען גאַלאָן וואַסער פון דעם 'מעריוואלד לעיק', צו פאַרמיידן מעגליכע שאָדנס פון אָרטיגע איינוואוינער.

דאָס קומט נאָכדעם וואָס ביי פאַרגאַנגענע שטורעמס, אין די פאַרלאָפענע יאָרן, איז דער 'לעיק' אַרויפגעקומען היבש הויך, צוליב דעם וואָס די 'וואַסער דאַמבע' האָט אַ פּאַמעליכע פלוס, און די טייך האָט דעריבער פאַרפלייצט פּראַפּערטיס אין דער געגנט, פאַראורזאַכנדיג שאָדנס פון אידישע נכסים, צוליב די שווערע שנייען און רעגנס.

אָט דערפאַר האָט די ווילעדזש, מיט אַ בליק אויף פּאָראויס, געאַרבעט עטליכע טעג, ווען ס'איז אַרויסגעפּאָמפּט געוואָרן נאָנט צו פיר מיליאָן גאַלאָן וואַסער, און דערמיט האָט מען שטאַרק גענידערט דעם לעיק, אַז ס'זאָל נישט ברענגען קיין פאַרפלייצונגען, וואָס האָט זיך טאַקע אַרויסגעשטעלט צו זיין אַ געניטע שריט ווען דער שטורעם האָט טאַקע גאָרנישט אַפעקטירט דעם לעיק.

אין אַנדערע נייעס, אַרבעט אַצינד דער ווילעדזש אויף א פלאן וואס וועט האָפנטליך פארשנעלערן דעם פלוס ארויס פונעם לעיק, אראפ פונעם דאַמבע, און ווי אויך אויף א מהלך פון טיפער מאכן דעם לעיק, און צו נידערן דעם וואסער פלאך מיט ארום צוויי פיס, אז עס זאל נישט צוקומען צו אַזעלכע סיטואציעס.

# לעכער און פּאַטהאָלס אויף די ווילעדזש ראָודס ווערן פאַרראָכטן



צום אָנהויב פון דעם זומער סעזאָן איז די ווילעדזש מיט די ניו יארק טראנספארטאציע דעפארטמענט געוועזן פארנומען צו אידענטיפיצירן און סקעדזשולן די ארבעט פון אנפולן און פונדאסניי אויספלאסטערן אלע 'פאטהאולס', וואס האבן זיך געמאכט אויף די ראודס לענגאויס דעם ווילעדזש דורכאויס די ווינטער מאנאטן, ספעציעל אויף רוט 208.

צו באריכטן א 'פאטהאול' אויף רוט 208, פארבינדט אייך דירעקט מיט די ניו יארק טראנספארטאציע דעפארטמענט דורך 845.562.4020. אויב ווילט איר באריכטן א 'פאטהאול' אויף די לאקאלע ווילעדזש גאסן, דאן פארבינדט אייך מיט מיט די ווילעדזש האלל אויף 845-782-2600, ווי עס וועט ווערן פארראכטן אין די קומענדיגע טעג.

# ווילעדזש באַערט מיט ספּעציעלע "קאנגרעסיאנאלע אווארד" ביי 'חנוכת הבית' צערעמאָניע צו ערעפענונג פון 'סטאונגעיט' ביזנעס צענטער

קאנגרעסמאן פעט רייען איז געקומען צו פארן זיך צו באטייליגן ביי אן ערהאבענעם מעמד חנוכת הבית, וועלכע איז פארגעקומען ביי דעם אלעמען באקאנטן פראכטפולן "סטאונגעיט" ביזנעס צענטער, וואס איז דאס ערשטע קאמערציאלע פראיעקט וועלכע איז גענצליך פארטיג געווארן אונטער די נייע ווילעדזש פירערשאפט, אין א גאר קורצע צייט.

די פראיעקט טראגט א ספעציעלע געוויכט, ווי דער עולם געדענקט, איז די פאריגע ווילעדזש אדמינסטראציע און פלענינג באורד געווען אקטיוו מיטן פארשלעפן און בלאקירן די אפליקאנטן פאר איבער דריי יאר, מיט הונדערטער טויזנטער דאללער אין שאדנס פון פלענינג און לעגאלע קאסטן, ווען זיי האבן נאר געוואלט אפראוון א העכסט באשיידענעם גאר קליינעם בנין פאר "סטאונגעיט", וואס האט נישט געזאלט דינען די אינטערעסן פון די בעלי בתים אדער די איינוואוינער.

ווי נאר עס איז אריינגעקומען די נייע אדמינסטראציע און איבערגענומען די פירערשאפט, האבן זיך די ווילעדזש באאמטע זיך אראפגעזעצט מיט די בעלי בתים פון די פראפערטי און איבערגעארבעט א נייע פלאן, מיט א היפש פארגרעסערטע פוטפרינט און צוגעלייגטע שטאקן.

ווי אויך האט די ווילעדזש זיכער געמאכט אז די "פארקינג געברויכן" ווערט אויסגעארבעט, און ברוך השם דער תכלית היופי איז ארויסגעקומען, והמפורסמות אינן צריכות ראיה ווען דער הערליכער נייער ביזנעס צענטער שטייט שוין גרייט צו באדינען די ביזנעסער און די תושבים און אזוי אויך טוט דאס אריינברענגען א שטארקע שטייער איינגאבע פאר די ווילעדזש איינוואוינער זעלבסט, פון די סעילס און פראפערטי שטייערן צו קענען אנהאלטן א באלאנסירטן בודזשעט.

צו די זעלבער צייט, טוט דער פראיעקט צוברענגען איבער הונדערט נייע ארבעט פאזיציעס פאר לאקאלע איינוואוינער און פאר איינוואוינער פון ארומיגע געגנטער, צווישן די ברייט בארימטע "לאנדא'ס סופערמארקעט" און די פיל אנדערע ביזנעסער וועלכע טוען זיך פאלגנד איינקווארטירן אינעם צענטער.

אין צוגאב צו די פילע נייע ארבעטס געלעגנהייטן, איז די גאנצע בנין געבויעט געווארן מיט די

"מעיד אין בלומינג גראוו" מהלך, אנגעהויבן פון די עקסטעריאר דעזיינערס ביז די אינטעריאר

דעזיינערס, ווי אויך האבן די בעלי בתים געלייגט א דגוש אויפצונעמען לאקאלע קאנטראקטערס פון דאהי, פראבירנדיג צו שטיצן ווי מער לאקאלע היימישע פירמעס.

צו דער באשטימטער צייט איז ערשינען דער קאנגרעסמאן מיט זיין פמליא, צוזאמען מיט די ווילעדזש באאמטע, דער טאון קאונסילמאן מו"ה אלימלך שמשון שווארץ ני"ו און נאך עסקנים, ווי מען האט געהאט א טור אינען פראכטפולן בנין, אנגעהויבן אין די "לאנדא'ס סופערמארקעט", ווי מען האט ארויסגעהויבן דעם הערליכן אויג-פארכאפנדן אויסשטעל און דעזיין, דערנאך איז מען אראפ צום אונטערשטן שטאק פונעם סופערמארקעט, ווי עס



מו"ה שמואל אהרן לאנדא צייגט וויאזוי מען גרייט אן די בארימטע לאנדא'ס קיורעד פישן לכבוד שב"ק



מו"ה שמואל אהרן לאנדא ביים גיבן א טור אינעם געשעפט




ביים פרעזענטירן דעם קאנגרעסיאנאלע באערונג




ביים שניידן דעם צערעמאניעלן ריבאן



דער קאנגרעסמאן באקומט א באריכט איבער ווייטערדיגע דעוועלאפמענט פארשריט אין שטאט



דער סטאונגעיט פלאן וואס דער פאריגער ווילעדזש אדמיניסטראציע האט "געזאלט" ערלויבן

קומען פאר די אונטער קוליסן ארבעט, מיט עטליכע סאפיסטעקירטע קיכן, פאר מילכיג, פארווע און פליישיג, ווי אויך באזונדערע קיכן פאר פיש פראדוקטן, און באזונדער פאר פרוכט פראדוקטן. עס ווערט אויך אהערגעשטעלט א בעקריי פאר מזונות.

עס איז דאן געוויזן געווארן אלע טעכנאלאגישע איינריכטונגען, ווי עס איז שטארק מערקבאר די מח און מחשבה, וואס איז אריינגעגאנגען צו אויסרישן דעם סופערמארקעט, סוף מעשה במחשבה תחילה.

דער קאנגרעסמאן האט דאן באקומען א טור איבער די שטאקן פונעם בנין, ווי מען איז געגאנגען באזוכן פארשידענע אידישע געשעפטן און ביזנעסער וועלכע געפינען זיך אינעם צענטער.

דער קאנגרעסמאן האט באגריסט אלע אנוועזענדע בעלי בתים און ארבעטער און זיך אויסגעדרוקט ווארעם איבער זיין גרייטקייט צו שטיין און באדינען מיט סיי וואס מען ברויך און צו אנהאלטן דעם קשר פאר ווען עס פעלט זיך אויס.

נאך דעם טור, האט דער קאנגרעסמאן באגלייט מיט די עסקנים זיך געשטעלט מפני כבוד המלכות פאר די ספעציעלע "ריבאן-קאטינג" צערעמאניע און דער קאנגרעסמאן האט אויסגעדרוקט זיין

באגייסטערונג, ווי ברוך השם די ווילעדזש איז איבערגענומען געווארן דורך היימישע אינגעלייט, וואס פארשטייען סיי צו שטיצן די לאקאלע עקאנאמיע, צו שאפן פרישע דזשאבס און ארבעטס געלעגנהייטן און סיי וויאזוי מען ארבעט האנט-ביי-האנט מיט די קאונטי, די סטעיט און מיט די פעדעראלע רעגירונג, פאר סיי וועלכע הילף מען קען באקומען.

עס ברויכט ווערן ארויסגעברענגט, אז נישט לאנג צוריק, ווען עס איז געעפנט געווארן דעם צענטער, איז די קאנגרעסמאן ספעציעל געקומען צו הילף דירעקט פאר "לאנדא'ס סופערמארקעט", ווי זיי האבן געהאט פארשידענע קאמפליקאציעס בנוגע דאס איינצופעדימען די מעדיקעיד און פוד-סטעמפס פראגראמען אינעם נייעם לאקאל, דער קאנגרעסמאן האט דאס דאן מסדר געווען ווי אמשנעלסטנס, צו די צופרידנהייט פונעם געשעפט אייגנטומער און פאר די איינוואוינער, צו קענען איינקויפן מיט א רואיגקייט.

ובשם השם נעשה ונצליח. וימין ושמאל תפרוצי!

# ווילעדזש פייער דעפּאַרטמענט אריין אין קאָנטראַקט אויף נייע פּאָרגעשריטענע ענדזשין-פאמפער טראָק

דורכאויס די לעצטע תקופה האט דער ווילעדזש פייער דעפארטמענט בעזהשי"ת געמאכט פארשריט אין פילע הינזיכטן. צוערשט עס האבן זיך געמאלדן א גרויסער ציבור צו וואלונטירן, און עס זענען שוין געווארן אנגענומען עטליכע און דרייסיג אפליקאציעס צום פייער דעפארטמענט. צו דער זעלבער צייט, ארבעט די ווילעדזש אויף אלע פראנטן איינצוהאנדלן די נויטיגע קלאפער-געצייג און כלי מלאכה צו קענען זיין גרייט על כל צרה שלא תבא. דער דעפארטמענט ווערט פולקאם אויסגעשטאטעט און אהערגעשטעלט אזוי'וי עס ברויך צו זיין להצלת נפשות ונכסים.

אין צוגאָב איז דער ווילעדזש אריין אין קאנטראקט אויף א פארגעשריטענעם ענדזשין-פאמפער טראק וואס ווערט געבויעט און דעזיינד קאסטום-מעיד לויט אלע ספעסיפיקאציעס און איינצלהייטן וואס עס פארלאנגט זיך צו באקעמפן פייערס דאהי אין ווילעדזש.

צווישן די אלע איינצלהייטן, וועט דער פאמפער-טראק טראגן אויף זיך לכל הפחות טויזנט גאלאן וואסער און צוואנציג גאלאן פון פאום צו יעדע צייט, און ווי אויך, ווערט דער פייער טראק אויסגעשטאטעט מיט א גאר מאכטפולן ענדזשין, זיך צו קענען ארויפשלעפן די גאר הויכע בערגיגע געגנטער דאהי, אנגעפולטערהייט צום קאפאציטעט, מיט א שנעלקייט.

דער פאמפער טראק קאסט אן אסטראנאמישער סומע פון 850 טויזנט דאללער, וועלכע איז נתנדב געווארן בנדבת לבם החשובים דורך די חשוב "ליוולאנד דעוועלאפערס גרופע", וועלכע שטייען בראש פונעם "סליפע האטעל", ווי זיי האלטן איצטערט אין די לעצטיגע פאזעס, בעפארן אנהייבן בויען דעם גרויסארטיגן "איילענד-טיים" סופערמארקעט.

די חשובע נדיבים, פארשטייענדיג די הצטרכות און וויכטיגקייט פונעם נושא, זענען אנטקעגן געקומען דעם ווילעדזש מיט די הוצאה און אונטערגענומען אויף זיך דעם גאנצן עול פון באצאלן דעם פייער טראק און עס צו אויסשטאפירן מיט אלע נויטיגע עקוויפמענט.

זאל דער זכות פון הצלת נפשות טאקע ביישטיין די חשוב'ע נדבנים און שותפים אז זיי זאלן זען פיל הצלחה וברכה בכל מעשה ידיהם ותשואת חן חן להם. מיר וועלן בעזהשי"ת האלטן דעם עולם אינפארמירט מיט די פראגרעס ווי דער טראק ווערט געבויעט און צוגעפארטיגט.

מיר וועלן בעזהשי"ת האלטן דעם עולם אינפארמירט מיט די פראגרעס ווי דער טראק ווערט געבויעט און צוגעפארטיגט.




אן ענליכער פייער טראק וואס דער ווילעדזש האט באשטעלט.

# ווילעדזש פייער דעפּאַרטמענט האַנדלט איין נייע שנעלע-רעספּאַנס טרעקל



די ווילעדזש פייער דעפארטמענט האט אַנומלט איינגעהאנדלט א נייע שנעלע-רעספאנס ספעציעלע טרעקל וועלכע טוט אנטהאלטן א קאסטום-מעיד סקיד יוניט, וואס איז געבויעט צו קענען רעספאנדן צו הילפס רופן מיט א שנעלקייט, ביז ווילאנג דער גרויסער ענזשין טראק ערשיינט צום סצענע.

דער טרעקל טראגט אויף זיך ארום 250 גאלאנען וואסער, מיט די נויטיגע כלים און עקוויפמענט צו קענען פארלעשן קלענערע פייערס, אדער לכה"פ אראפצוקלאפן א גרעסערע פייער, אז עס זאל זיך נישט ווייטער פארשפרייטן, ביז מער הילף קומט אן צום פייער.

די טרעקל און דאס אויסשטאטונג איז נתנדב געווארן דורך די חשוב'ע "דיליזשענט דעוועלאפערס גרופע", פאר די סומע פון 100 אלפים און וועט בעזהשי"ת שוין זיין אין באניץ דאהי אינעם ווילעדזש גאָר בקרוב.

# נייע פיסגייער שטראָז אויסגעפלאַסטערט ביי סטאונגעיט ביזנעס צענטער



די סטאונגעיט ביזנעס צענטער בענעזאם מיט די ווילעדזש דעפארטמענט אוו פובליק ווארקס, האבן אין די לעצטיגע וואכן אויסגעפלאסטערט א נייע פיסגייער שטראז פאר די סעיפטי און באקוועמליכקייט פון די איינוואוינער, צו קענען דורכגיין צופיס פון די סטאונגעיט ביזנעס צענטער ביז די ווילעדזש האלל און ווי אויך אז די איינוואוינער פון די לעיק שאור אומגעגנט און די ארומיגע גאסן פון די זייט פון רוט. 208 זאלן נישט ברויכן ארויפגיין און שפרייזן אויפן רוט. 208 ספעציעל מיט קינדער וועגעלעך, ווי עס איז גאר מסוכן צוליב די כסדר'דיגע גאר שנעלע פארקער.

נייע שטראז, הייבט זיך אן אין די פארקינג-לאט פון די "מאנראו דענטאל גרופ" און טוט זיך ענדיגן פארענט פונעם בנין פון סטאונגעיט ביזנעס.

# תושבי 'קעפיטאל הילל' גייען דורך מעת לעת אָן קיין וואַסער

דעם פארגאנגענעם פרייטאג פרשת כי תשא, דורכאויס די ארבעט פון דעם אנגייענדן סועדזש פראיעקט, וואו עס ווערט רענאווירט און איבערגעצויגן נייע ליניעס אויף מעריוואלד לעין סאוט, איז בטעות געווארן אנגערירט א וואסער רער וואס לויפט פאראלעל מיט די סוער ליניע, וועלכע האט פאראורזאכט א וואסער מעין ברעיק, ווי ביז געציילטע מינוטן האט די גאנצע קעפיטאל הילל און ווי אויך א טייל פון די ווארלי הייטס געגנט פארלוירן וואסער, און ווי אויך איז די וואסער טאנק געווארן היפש אפגעליידיגט, נאך איידער מען האט געקענט אפשפארן דעם צענטראלן סיסטעם.

די ארבעטער ביים פראיעקט, האבן זיך תיקף גענומען צו דער ארבעט צו פאררעכטן די וואסער מעין ברעיק און מען האט אריינגעברענגט די נויטיגע עקוויפמענט און כלים, און א האלבע שטונדע בעפארן זמן ליכט צינדן, איז די וואסער רערן שוין געווען פארראכטן און מען האט צוריק אנגעצינדן די וואסער.

אבער ווי עס שיינט, האט מען נישט געוואוסט אז איינמאל די וואסער מעין איז געווארן "די-פרעשוריזירט" האט זיך געמאכט נאך שפאלטונגען אין די וואסער ליניעס און בערך צוואנציג מינוט צום זמן, נאכ'ן צוריק אנצינדן די וואסער סיסטעמען האט זיך דער רער ווידעראמאל צובראכן, דרייסיג פיס אוועק פונעם ערשטן מעין ברעיק, ווי די קאנסטרוקציע ארבעט איז נאך בכלל נישט געווען אקטיוו, וועלכע האט גע'אורזאכ'ט נאך אן אפשפארונג פון די וואסער סיסטעם, 15 מינוט צום זמן.

וויבאלד מען האט שוין פארראכטן די ערשטע מעין ברעיק, האט מען שוין צו דער זעלבער צייט איזאלירט די וואסער ליניעס פון ווארלי הייטס און א טייל פון קעפיטאל הילל, די מענדזשין און פענסילוועניע גאסן, אזוי האבן די פאלגענדע גאסן שוין "יא" געקענט האבן וואסער, כאטש דער פרישער מעין ברעיק



איז געשאפן געווארן עטליכע דרייסיג פיס ווייטער פונעם רער פון די ערשטע מעין ברעיק, איבערלאזנדיג דערביי בלויז די אונטערשטע טייל פון קעפיטאל הילל אן קיין וואסער.

די בעלי מלאכה האבן זיך גלייך גענומען צו די ארבעט פון אויפגראבן און אויפזוכן די נייע וואסער מעין ברעיק. די ארבעט האט גענומען עטליכע שטונדן ביז ארום 10 אזייגער פרייטאג צונאכטס, ווען עס איז פולקאם פארראכטן געווארן די צווייטע מעין ברעיק וואס האט זיך געשאפן.

10 אזייגער ביינאכט, אזויווי מען האט פריש אנגעצינדן די וואסער סיסטעמען, האט זיך ווידעראום די וואסער ליניע צובראכן, דאסמאל אויף צוויי באזונדערע ערטער, איינס נאך ווייטער ארויף אין די ליניע און איינס אויף צוריק אין די ליניע בעפאר דעם גאנץ ערשטן מעין ברעיק, עס איז אבער ב"ה נאכאלץ געוועז בעפאר דעם וואלוו ביים קארנער פון פענסילוועניע אזוי אז עס איז נישט צוגעקומען נאך הייזער וואס האבן פארלוירן וואסער.

ביי דעם שטאנדפונקט, האבן די בעלי מלאכה און די ווילעדזש אינזשענירן פארשטאנען אז די מהלך פון ווייטער פארנייען די רערן מיט לאטעס וועט נישט העלפן, נאר מען ברויך טאטאל ערזעצן און טוישן א גאר גרויסער טייל פון די וואסער ליניעס, וועלכע ציהט זיך פאר קרוב צו הונדערט פיס.

דורכאויס די נאכט, האבן די ווילעדזש מאנשאפט געשאפן די אלע נויטיגע טיילן און רערן וואס מען איז אויסגעלאפן דורכאויס די פאריגע צוויי מעין ברעיקס און תיקף צופרי ארום זעקס אזייגער פארטאגס, זענען די ארבעטערס אריינגעקומען און אנגעהויבן די פארצויגענע ארבעט פון טאטאל טוישן די וואסער רערן און פארזיכערן אז עס זאל זיך נישט מאכן נאך א מעין ברעיק.

די ארבעט האט פארנומען רוב שטונדן פונעם טאג און ענדליך ארום 5 אזייגער שב"ק נאכמיטאג, האט מען געקענט צוריק אנצינדן די וואסער.

די לאגע איז געווען א גאר שווערע דורכגאנג פאר די ווילעדזש איינוואוינער, ספעציעל פאר תושבי קעפיטאל הילל, וועלכע האבן דורכאויס דעם גאנצן שב"ק זיך געברויכט ספראווענען אן קיין שום וואסער צוטריט.

דער ציבור האט געברויכט איבער שב"ק גיין פארשאפן וואסער פון ווי נאר מעגליך, און אויך האט דער אַלטער ביהמ"ד דקהל יטב לב אויף מעריוואלד געדינט אלס אכסניא פאר די אלע וואס זענען געקומען אנצופילן די באטלעך וואסער במשך דעם גאנצן מעת לעת וויבאלד דער צייטווייליגער ביהמ"ד אפערירט אויף קוואל וואסער.

צולייגענדיג צו דעם און צו די שוועריגקייט וואס פארלענגערט די ארבעט פון פאררעכטן די אלע וואסער מעין ברעיקס, איז דער מציאות, אז ווען מען האט געבויעט די אלע סוב-דיוויזיעס מיט ארום זעכציג יאר צוריק, האבן דאן די

אינזשענירן אפגעמאלן זייער אומקלאר די רערן מאפעס, און גאר שוואך אנגעצייכנט ווי די ליניעס געפונען זיך, און וועלכע סארטן ליניעס, - ווי למשל געוויסע טיילן זענען אייזערנע רערן פון באזונדערע סייזעס און פארלאטעט מיט "פלאסטישע רערן!" א תוצאה פון יארן פארנאכלעסיקייט און הפקירות פון די פאריגע אדמיניסטראציעס, - און וואס איז אלס א טייל פון וואסערע חלק פון דעם צענטראלן וואסער און סוער סיסטעם.

בנוסף צו דעם וואס די מאפעס זענען אומקלאר און ווייט פון פונקטליך און געטרויבאר, האבן די בויערס דאן געלייגט וואסער ליניעס ווייניגער ווי צוויי פוס אוועק פון די סוער ליניעס, א זאך וואס איז קעגן דעם געזעץ וואס פארלאנגטע מונדליך אז סוער ליניעס זאלן זיין מינימום צען פוס אפגערוקט פון די וואסער ליניעס, וויבאלד אלע אונטערערדישע ליניעס ליעקן מיט די יארן, און דאס איז אייגנטליך געווען די סיבה פארוואס מען האט נישט געקלערט און באמערקט אז דער וואסער ליין זאל לויפן דירעקט פאראלעל מיט דעם סוער מעין.

ווי אויך, איז דער ערד דאהי אינעם ווילעדזש אונטער די וואסער און סוער אינפראסטרוקטור אנגעפילט מיט שטיקלעך ברוכווארג, קאנסטרוקציע אפפאל און אנדערע הארטע שטיקלעך, וואס די בויערס וועלכע האבן זיך דאן געוואלט שפארן די קאסטן פון דאמפינג, האבן זיי גענוצט די קאנסטרוקציע אפפאל אנצופילן די "יוטיליטי טרענטשעס".

דורכאויס די יארן, ווי די ערד זעצט זיך יעדעס יאר טוען די דאזיגע ברוכווארג לייגן דרוק און אריינשניידן אין די רערן, מאכנדיג אז די רערן זאלן שנעלער שפאלטן, ווי דער ווילעדזש טוט טאקע ביי יעדע וואסער מעין ברעיק טרעפן די דאזיגע שפאלטן אין די רערן.

אצינד ברויך די ווילעדזש אינגאנצן איבערטוישן די ערד ארום די רערן מיט "גרעוועל" אדער מיט זאמד, וואס וועט מער נישט צוגרונד לייגן די רערן.

דעם פארגאנגענעם מאנטאג פרשת תרומה, איז פארגעקומען א "דעבריעפינג" זיצונג מיט די ווילעדזש אינזשענירן, די קאנטראקטערס און מיט דעם ספאנסאר פונעם פראיעקט, צו זעהן וועלכער מהלך צו נעמען פון פאראויס, וויבאלד דער פראיעקט האלט זיך און איין אנשטויסן אין קאמפליקאציעס און צו פארזיכערן דאס אפצוהאלן אינעם צוקונפט.

ווי דער עולם האט שוין מיטגעהאלטן נאך פון גאר אנפאנג פונעם פראיעקט, ווען דאן האט מען אויך בטעות אנגערירט א גאז ליניע וואס איז נישט געווען אנגעצייכנט אויף קיין שום מאפע, טראץ דעם וואס די O&R פירמע האט פון פאראויס געגעבן די ערלויבעניש צו גראבן דארט, א מציאות וואס האט היפש פארלענגערט די ארבעט מיט עטליכע וואכן. הגם, וואס די "או. ענד אר." ענערגיע פירמע האט דאן געמאכט א "דיג-סעיף סורוועי", איז דער גאז ליניע נאכאלס נישט ארויפגעקומען אויף די מאפע.

גייענדיג ווייטער, פלאנט דער ווילעדזש צו ערשט צו מאכן קלענערע לעכער דורכאויס די גאנצע רוט ווי די נייע סועדזש ליניע גייט פאראויס, זיכער צו מאכן, אז מען גייט טאקע נישט אנשטויסן אין קיין וואסער ליניעס, און ערשט דאן וועט מען אויסבארן דעם גרויסן טרענטש פאר די נייע סוער ליניע, און עס וועט צוגעענדיגט ווערן דער פראיעקט.

מערקווירדיג, אז דעם נאכמיטאג דערויף, ווען מען האט געבארט די קלענערע לעכער צו זעהן צו עס איז טאקע נישט פארהאנען קיין דערנעבנדיגע וואסער ליניעס, האט מען געטראפן נאך א וואסער ליניע, ווי די רער קומט אומפאראויס געזעהן אריין מיט א דריי, וואס לייגט זיך נישט אויפן שכל פארוואס עס איז אזוי געבויעט געווארן, אבער בעזהשי"ת וועט עס ווערן באהאנדלט, אז עס זאל נישט ווייטער צוקומען צו אזעלכע מצבים.

**נאטיץ פון טאון קאונסילמאן ר' אלימלך שמשון שווארץ הי"ו:**

# טעקס אָפּדעיט אַנבאַלאַנגט 'סטאַר' עקזעמפשאנס

אין דער צייט ווען עס קומט אן דער טעקס ביל פאַר'ן פאַרלאָפענעם נייעם יאָר למספרם האבן מיר באקומען אסאך טעלעפאן קאלס פון תושבים וואס האבן געוואלט פארשטיין די פארשידענע טעקסעס פונעם טאון, סקול דיסטריקט וכדו'.

בשעת וואס די טעקסעס פאר רוב תושבים זענען אקוראט לויטן אסעסמענט פונעם טאון האבן מיר אבער באמערקט אז זייער אסאך מענטשן האבן קיינמאל נישט אפלייעט פאר דעם טעקס STAR קרעדיט.

די סטאר קרעדיט איז א פראגראם פון ניו יארק סטעיט וואס גיבט א יערליכע ריפאנד אויף א חלק פון די סקול טעקסעס, ע"פ רוב איז עס אַרום $750 א יאר, דער פראגראם איז נאר פאר היים אייגנטומער וואס זייער הויז איז די "פריימערי רעזידענס", מען ברויך זיך נאר איינמאל איינשרייבן און עס קומט אויטאמאטיש א טשעק יעדעס יאר ארום סעפטעמבער למס'., די אינקאם לימיט פאר דעם פראגראם איז $500,000 א יאר פער הויזגעזונד.

פאר עלטערע מענטשן העכער 65 איז דער קרעדיט בערך דאפלט מיט אנדערע אינקאם לימיטס. זיך איינצושרייבן גייט צו

https://www8.tax.ny.gov/STRP/strpStart

אדער רופט 518-457-2036

# לאנג ערוואַרטעטע און פאַרצווייגטער 'סועדזש פאַררעכטונג' מולטי – פּראָיעקט ערגענצט מיט ערפאָלג

נאך לאנגע ערוווארטונגען און נאך פילע אינזשעניערונג אַרבעט, איז ב״ה פולקאָם פאַרענדיגט דער ריזיגער און גאָר קאָסטבאַרער פראיעקט פון פארערכטן די טייל פונעם סועדזש סיסטעם ווי עס קומען זיך צוזאם אלע הויפט גאסן פון די קעפיטאל הילל אומגעגנט. דאס נעמט אריין, די מענזשין גאס, די פענסילוועניע גאס, די ווירדזשיניע גאס ביז ווי עס טרעפט זיך מיט מעריוואלד לעין סאוט, א.א.וו.

אין די קעפיטאל הילל געגנט האט זיך שוין געמאכט אומצאליגע סועדזש מעין-ברעיקס אין די פארגאנגענע יארן און האט שוין אפגעקאסט שווערע שאדנס פאר די איינוואוינער פונעם געגנט. ווי אויך, האט עס שוין אפגעקאסט פאר די ווילעדזש נאנט צו ״צוויי הונדערט טויזנט דאללער״ אין פארערכטונגען, בלויז אין די לעצטע אכצן מאנאטן.

דער לאַנג פאַרצויגענער פראיעקט, איז געווען א זייער פארצווייגטע ארבעט, וועלכע האָט אָפּגעקאָסט נאָנט צו אַ מיליאן דאללער! און עס האָט פולקאָם פאַרראָכטן די רערן אנגעהויבן פון מעריוואלד לעין סאוט ביי ווירדזשיניע עווענו, אראפ ביז ווי די ליניע טרעפט זיך צוזאם ביי מענזשין ראוד קארנער פיין הילל ראוד.



די ארבעט איז געווען גאָר קאמפליצירט און טייער, אבער נאך פיל אינטענסיווע פאראהאנדלונגען, איז געווארן אויסגעארבעט א מהלך וויאזוי די פראיעקט זאל ווערן פולקאם באצאלט און דורכגעפירט, אלס א טייל פון דעם בית המדרש הגדול והמפואר וואס איז געבויעט און פינאנצירט געוואָרן דורך הרבני הנגיד המרומם מו״ה אברהם בער יאקאבאוויטש שליט״א מתושבי העיר.

בנדבת לבו הטוב האט הר״ר אברהם בער שליט״א מסכים געווען צו טוישן די פלענער, בכדי צו קענען אקעגן קומען די לאקאלע איינוואוינער, און צו ארויסהעלפן און פארגרינגערן דעם ווילעדזש, סיי מיט די ארבעט פון א פראקטישן שטאנדפונקט און סיי פון א פינאנציעלן שטאנדפונקט.

דאס פארבעסערונג פון די רערן איז שוין צו דער זעלבער צייט געמאכט געוואָרן אַז ס'זאָל קענען ערהאלטן א פיל גרעסערער קאפאציטעט מיט ברייטערע ליניעס פאר די פילע הייזער וואס ווערן אצינד געבויעט אין די קעפיטאל הילל געגנט, ווי עס וועלן בעז״ה געבויעט ווערן פרישע בתי מדרשים ומקוואות און דער עולם רענאווירט און פארברייטערט די הייזער און בעזהשי״ת וועלן צוקומען פילע פרישע דירות פאר אחינו בני ישראל און דאס וועט קענען דערהאלטן דעם געברויך.

ווי פארשטענדליך, וועלן נייע און פרישע דעוועלאפמענטס דארפן אריינצאלן זייער פעיר-שעיר פאר די סוער-הוקאפס און פאר די דעוועלאפמענט פונעם נייעם ליניע, אבער בעזהשי״ת וועט דאס נישט פאלן צו לאסט אויף די ווילעדזש און אויף די שטייער צאלער.

# סקיצע פונעם בנין הבית חינוך המפואר בית חינוך לבנות בנות ישראל ערהאלט בילדינג פערמיטן

בית יעקב לכו ונלכה: מוסדות בנות ישראל האט בשעה טובה ומצלחת ערהאלטן אירע ״בילדינג פערמיטן״ נאכ'ן פולקאם דורכקומען אלע נויטיגע פארשריפטן.

עס ווערט ערווארטעט א בנין המפואר פאר די תלמידות פון בית חינוך לבנות בנות ישראל.



# פאָרשריט צו פאַרגרעסערן די קוואַנטום פון די וואַסער סיסטעמען

וי באריכטעט, טוט די ווילעדזש ארבעטן אויף אלע פראנטן, סיי מיט די ניו יארק ענווייראמענטל דעפארטמענט (DEC), צוריק ארייצוברענגען דעם איצטיגן עקזיסטירנדן ווילעדזש וואַסער סיסטעם און אירע קוועלער צו קאמפלייענס מיט אלע פארשריפטן פון די DEC, נאך וואס די אגענטור האט באאויפטראגט די ווילעדזש צו פארעכטן די פילע ווייאלעישאנס און פארנאכלעסיגקייטן, וועלכע איז אנגעגאנגען פאר לאנגע יארן, נאך בעפאר די היימישע אַדמיניסטראַציע האט איבערגענומען די ווילעדזש.

צו די זעלבע צייט, ארבעט די ווילעדזש מיט פריוואטע דעוועלאפערס און לאנד אייגענטומער, צו אויפארבעטן עקזיסטירנדע קוועלער וואס זיי האבן אין באנוץ אויף פריוואטע שטחים און ווי אויך צו גראבן נייע קוועלער.

ברוך השם, די ווילעדזש מאכט גרויס פארשריט אויף ביידע פראנטן, סיי מיט די DEC, ווי זאכן ריקן זיך צום קומענדיגע שטאפל ברוך השם און סיי מיט די פריוואטע קוועלער ווי די פרישע קוועלער ווערן אויפגעארבעט און גע'טעסט און גרייט געמאכט לויט די פארשריפטן פאר די DEC אינספעקציעס בכדי צו קענען ווערן אריינגעברענגט צום ווילעדזש סיסטעם, בעזרת השם יתברך זעט מען גרויס הצלחה מיט די פארשריט, און משאצט צו קענען שאפן אין די קומענדיגע חדשים עטליכע הונדערט גאלאנען וואסער פער מינוט און צוגאב צו די איצטיגע אינווענטארי פון די ווילעזדש קוועלער.

די ווילעדזש האט א ברייטע וויזיע, אז ביי ענדע קאלענדער-יאר למס' 2024, זאלן די קוועלער אלעס אינאיינעם שאפן



קוועלער גראבונגען אין ווילעזש

לכה"פ א מיליאן גאלאן וואסער צום באנוץ פער טאג.

בצדקם חון חשרת מים!

# ווילעדזש נעמט שריט צו פארמינערן קאנסטרוקציע און טראפיק ערש"ק

אין אנגייענדע באמיאונגען, נאך דעם מעין ברעיק אפאר וואכן צוריק, און כדי זיכער צו מאכן אז עס פאסירט נישט מער קיין מיסברויכן פון ראוד וואורק און אינפראסטרוקטור, ספעציעל אין די ערבי שבתות וימים טובים, און ווי אויך צו פארמינערן די שוין אזוי אויך אנגעלייגטער טראפיק אויף די לאקאלע ראודס אין די פרייטאגס, טוט די ווילעדזש אין די איצטיגע טעג ארויסלייגן א נייע פאליסי וואס וועט זיין נוגע צום ווילעדזש זעלבסט און ווי אויך צו די אלע קאנטראקטערס דאהי אינעם ווילעדזש, אז ראוד-ווארק און סיי וועלכע קאנסטרוקציע וואס קען שאדן מאכן די אינפראסטרוקטור, זאל נישט זיין ערלויבט דורכאויס "פרייטאג".

די נייע פאליסי וועט אין דעם צוקונפט האפענטליך פארמיידן אומאַנגענעמליכקייטן, האלטן די גאסן זויבער, און צו די זעלבער צייט העלפן דעם טראפיק.

# "קינדערלאנד" פארק פארענדיגט און גרייט צום באנוץ

אין די לעצטערע טעג, איז בשעטו"מ פארענדיגט געווארן די "קינדערלאנד פארק" און איז שוין פולקאם גרייט צום באנוץ צו אלע איינוואוינער פונעם שטאט.

דער פארק געפינט זיך אויף סטאונגעיט דרייוו הונטער די "ראולינג הילס" אפארטמענט קאמפלעקס.

די פארק איז געווארן אויסגעשטאטעט מיט פילע שפיל-געצייג און עקוויפמענט, טישן און בענק זיך צו קענען אראפזעצן, און ווי אויך איז געבויעט געווארן א "געזיבאר", זיך צו קענען אפרוען אונטער א שאטן און צו זיין באשיצט ביי א רעגן.

צו דער צייט, ווערט אויך אינסטאלירט לעקטערס דורכאויס דעם פארק און דער פארקינג לאט, וואס זאל באלייכטן אין די אווענט שטונדן פאר די באקוועמליכקייט און זיכערהייט פון די איינוואוינער.

מען בעט דעם ציבור, אז ווען מען קומט זיך באנוצן מיט די פארק, זאל מען פארקירן די אויטאס בלויז אין די זייט פון די פארק, ביי די צוים און ווי אויך אויף סטאונגעיט דרייוו ביי די סיידוואלק - אויף די דירעקציע פונעם טראפיק פארקער. ביטע זיכער מאכן נישט צו פארקירן אויף די פארקינג ערטער וואס איז דעזיגנירט און באלאנגט פאר די "ראולינג הילל" אפארטמענטס.

ווי אויך ווערט געבעטן, אז די עלטערן זאלן האלטן אן אויג אויף די קינדער, צו האלטן דעם פארק זויבער און צו נאכרוימען די פעפער און פלעסטיק וואס פאלט אראפ פון עסענווארג און נאשערייען, און צו האלטן דעם פארק ריין און צוזאמגענומען.





דער נייער פארק מיט פילע שפיל געצייג און עקוויפמענט

VILLAGE OF SOUTH BLOOMING GROVE
Department of Transportation

## TRANSIT SERVICE

**Drop Off to KJ**
- Karelsurg Cor. Mountain
- Forest Cor. Mountain
- Shoping Center

**Pick UP to BG** (Starting point)
- Shoping Center
- Rimeniv Cor. Stropkov
- Meron (Drubidge)
- Business Center
- 5 Isreal Zupnick
- Acers Cor. Lemberg
- Acers Cor. Mountain
- Radumsk Cor. Mountain
- Karelsurg Cor. Mountain

PLEASE USE CAUTION!! wait on the side of the door.

DO NOT CROSS IN FRONT OF THE BUS

FLAG THE BUS to stop the bus

# KIRYAS JOEL

**Starting point: Shooping Center**

### Schedule FROM KJ

| Morning | Afternoon | Night |
|---|---|---|
| 8:00 | 1:00 | 7:00 |
| 9:00 | 2:00 | 8:00 |
| 10:00 | 3:00 | 9:00 |
| 11:00 | 4:00 | 10:00 |
| | 5:00 | |

Sunday bus is starting 11:30

Last trip on friday is 2:30




VILLAGE OF SOUTH BLOOMING GROVE
Department of Transportation

## TRANSIT SERVICE

# BLOOMING GROVE

**Starting point: Duelk Ave. Cor Duelk Ave.**

### BUS STOPS

(Starting point)
- Duelk Cor. Duelk
- Duelk Cor. Alamo
- Duelk Cor. Laredo
- Duelk Cor. San Antonio
- Duelk Cor. San Marcos
- Dallas Cor. Fortworth #1
- Dallas Cor. Pine Hill
- Dallas Cor. Fortworth #2
- Fort Worth Cor. Houston תלמוד תורה
- Sears Cor. Houston
- Sears Cor. Michael
- Sears Cor. Greene
- Pine Hill Cor. Hawthorne 2#
- Hawthorne Cor. Strawberry
- Pine Hill Cor. Hawthorne 1#
- Merriewold S. Cor. Pennsylvania
- Virginia Cor. Merriewold S.
- 13 Virginia
- Virginia Cor. Roanoke
- Virginia Cor. Arlington
- Merriewold S. Cor. Mangin
- Mangin Cor. 208 - MINTLEAF
- Merriewold N. Cor. Tappen
- Merriewold N. Cor. Beech Tree
- Lake Shore Cor. Merriewold N.
- Lake Shore Cor. Robin 2#
- Lake Shore Cor. Hawks Nest
- Lake Shore Cor. Robin 1#
- Stonegate Business Center




### Schedule FROM SBG

| Morning | Afternoon | Night |
|---|---|---|
| 8:30 | 1:30 | 7:30 |
| 9:30 | 2:30 | 8:30 |
| 10:30 | 3:30 | 9:30 |
| 11:30 | 4:30 | 10:30 |
| | 5:30 | |

Sunday bus is starting 11:30

Last trip on friday is 3:30

For Routes, Updates, Change in schedule, ETC. Please call the shuttle hot line at :845.782.2600 #600

Comments or complaints please call the transit department 845-782-2600 Ext 600
Every comment will be taken seriously

PLEASE USE CAUTION!! wait on the side of the door. - DO NOT CROSS IN FRONT OF THE BUS

### Price

Local trip: Within SBG
$2.50

Outside BG
$5.00
kids under 12 $2.50
under 3 is Free

**Ticket Books**
20 tickets for $50

Available at the Village Hall - 811 Rt 208 or on the Bus

## טראַנספּאָרטאַציע אָפּדעיט;

# ווילעדזש שאַטל סקעדזשול נעמט אַריין צוויי צענטראַלע סופּערמאַרקעטס און ״קינדערלאַנד״ פּאַרק

מיט צופרידנהייט האָבן די איינוואוינער באַגריסט די פריש צוגעלייגטע ראוטס אויפ׳ן שאטעל באס וואָס טוט אראפלייגן און אויפנעמען די רייזנדע ביי די מינטליעף סופערמארקעט און ביי די ״קינדערלאנד״ פארק, און ביי סטאונגעיט ביזנעס צענטער/לאנדא׳ס סופערמארקעט, אויף די טעגליכע רוטס.

מען קען באקומען א קאפיע פון די שאטעל סקעדזשול אויף די שאטעל זעלבסט און ווי אויך אין די ווילעדזש האלל און ביי די מיטליעף און לאנדא׳ס סופערמארקעטס. אדער שיקט אן אימעיל צו Social@vosbg.com

# זומער טראפיק סעיפטי דערמאנונג!

ווי די זומער טעג דערנענטערן זיך און ווי פארשטענדליך הייבן די קינדער אן צו שפילן מער אויף די לאקאלע גאסן, טוט ארויפקומען די יערליכע טראפיק זארגן בנוגע די זיכערהייט און סעיפטי פון די קינדער, לאקאלע בייגייער און ווי אויך איבער די אויטאס וועלכע טוען אדורכפארן די ראודס מיט א שנעלקייט העכערן ספיד לימיט און טוען לייגן די דורכגייער אין געפאר.

מיר טוען זיך אצינד ווענדן צו די טייערע תושבי בלומינג גראוו, בכל לשון של בקשה זיך צו האלטן צו די לעגאלע ספיד לימיטס און צו שטענדיג האלטן אן אפענע אויג פאר סיי וועלכע שטרויכלונג.

אין די זעלבע צייט, טוען מיר בעטן די חשוב׳ע עלטערן, צו מסביר פאר די קינדער איבער ראוד סעיפטי און די מאסנאמען צו זיין פארזיכטיג ביים זיך שפילן אויף די ראודס און צו זיין ספעציעל פארזיכטיג ביים אריבער רייזן די רוישיגע גאסן.




ווי אויך טוען מיר אייך דערמאנען צו גיין מיט רעפלעקטארס אין די אוונט שעה׳ן, דער קליינער שריט קען ראטעווען אייער לעבן.

כי מלאכיו יצוה לך לשמרך בכל דרכיך!

ביטע טעקסט צו:
845.782.2600
אייער סעל נומער

זייט אינפארמירט!
זיך אויפצוסיינען צו באקומען די ווילעדזש טעקסט און טעלעפאן אלערטס און אפדעיטס

# ווילעדזש פארענדיגט אינזשענירונג און פלאנירונג פאזע פון צווייטן ווילעדזש פארק אין ווארלי הייטס געגנט




אזויווי אין די איצטיגע טעג אין געפארטיגט געווארן בשעטו"מ די "קינדערלאנד" פארק, וואס געפינט זיך אין די לעיק שאור געגנט, ביי די "ראולינג היללס" אפארטמענטס, פאנגט מען אצינד אן אין די טעג צו ארבעטן אויף די צווייטע פארק, ווי מען האט פארענדיגט די פלאנירוג פאזעס פון די "קינדערפלאץ" שפיל פארק אין די ווארלי הייטס געגנט.

די "קינדערפלאץ" פארק וועט געבויעט ווערן צווישן ברייער וועי און דאללאס דרייוו מיט א ראוד וואס וועט דורכשניידן אינדערמיט.

מען וועט זיך נעמען צו דער פאקטישער ארבעט אין די קומענדיגע זומער מאנאטן.

צו דער זעלבער צייט, הייבט די ווילעדזש אויך אן אריינצוקוקן אויף א פראיעקט פון נאך א פארק אין די קעפיטאל הילל געגנט.

פאלגט נאך ווייטערע מודעות.

# קאנסטרוקציע צו רענאווירן די ווילאו-ברוק וואסער און גאז רערן

די וואכן, טוט דער טאון אנהייבן פארערכטונג ארבעט אויף מוזעאום ווילעדזש ראוד צווישן רוט 208 און קורלי לעין, צו דורכפירן עמורדזשענסי רענאוואציעס אויף די ווילאו-ברוק דאמבע, וואסער רערן און גאז ליניעס.




דער פראיעקט ווערט געפירט דורך דעם טאון, און איז געפלאנט זיך צו ציען פאר ארום פינף מאנאטן צו זיין פארטיג אום סעפטעמבער.

דורכאויס די קאנסטרוקציע ארבעט וועט די ראוד זיין אינגאנצן פארמאכט. ביטע נוצן די זייטיגע ראודס אויסצומיידן די פארקער, און צו העלפן אז די ארבעט זאל קענען אנגיין פלינק אז דער פראיעקט זאל זיך קענען ענדיגן צייטליך.

א דאנק פאר אייער קאאפעראציע, מיט פארשטענדעניש.

ווילעדזש טראנספארטאציע דעפארטמענט




BG Shtima
POB 808
Monroe, NY 10950